STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04798

BAY DER HOLEM-MULTER

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible
by Charles & Mildred Feldberg
in memory of
Menucha & Avraham Eingorn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער) מאָנטרעאַל 1973
אין מײַן געפאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צוגענייגטע רייד (לידער), ניו־יארק, 1977
די פלייט פון מײַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל, 1978
די ליפּן פון מײַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979
פיר איילן עלנטקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1980
אַ רגע רו געפינען, מאָנטרעאל 1981

מײַן פֿרײַנד ר' [illegible]
מיט הערצלעכע
געפֿילן.
מ.מ. שאַפֿיר

מ.מ. שאַפֿיר

בײַ דער חלום־מולטער

•

מאָנטרעאַל 1983

M. M. Shaffir

By der cholem-moolter
(At the trough of dreams)
Poems

דאָס דאַזיקע ביכל איז אַרויס דורך דער מאַטעריעלער מיטהילף
פונעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס (500 דאָלאַר) און פון דער פּנחס
און חיה הובערמאַן פונדאַציע אין וואַנקוווער (אויך 500 דאָלאַר).
איך דאַנק זיי האַרצעדיק.

אַ דאַנק דעם מאָלער לוי, מיהלשטאָק פאַר דער צייכענונג אויפן
טעוועלע, און אַ דאַנק דעם מוזיקער דוד באָטווינִיק, וואָס ער האָט
מיר פאַרשריבן די צוויי מוזיק־מאָטיוון, וואָס זענען אַרייַן אין בוך,
און, אַחרון אַחרון, אַ דאַנק מייַן יונגן חבר לייבל באָטווינִיק, וואָס
ער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אין דער קאָרעקטור אי פונעם
איצטיקן ביכל, און אי פונעם פריערדיקן.

גלאָסאַר ביַים סוף

צום טאַטן, עליו־השלום, איז אַ מאָל אַריינגעקומען אַ יידענע מיט אַ גרויס געוויין, האָט ער זי געפרעגט: פאַר וואָס וויינסטע? האָט זי אים געזאָגט: ווײַל דער קאָפּ טוט מיר וויי. האָט ער געזאָגט: אַז דו וועסט וויינען, וועט דאָך דיר דער קאָפּ נאָך אַרגער וויי טון. האָט זי אים געזאָגט: ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען אַז כ'האָב אַן איינ־איינציקן זון, און סע גייען אַזוינע פּאַרכטיקע טעג און כ'האָב מורא ער זאָל נישט זוכה־בדין זײַן. האָט ער איר געזאָגט: אַ פאָטער האָט רחמנות אויף זײַן איינציק קינד, אַזוי ווי אין פסוק שטייט: הבן יקיר לי אפרים.

(ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל)



אָט דעם מאָטיוו האָב איך געהערט פון מײַן פעטער יאַנקל שטאַמלער ע"ה שמש ביים רבין ר' משהלע האַגער זצ"ל, פון שאָץ, בוקעווינע.

א.

בײַ דער חלום־מולטער

טײַכל טרערן

טײַכל טרערן, קײנער זעט נישט
ווי דו ריזלסט און דו רינסט.
קײנער הערט נישט דאָס געכליפּע,
וואָס פֿון דאָרטן קומסטו דין.

האָסט נישט פֿון אַ וואַלד דאָס זשומען,
און דאָס שרײַען פֿון אַ ים —
גרײַכסטו מיט אַ כליפּ, אַ הײסן,
בלויז צום שטאַרן ליפּנצאַם.

פֿון אַראָפּגעלאָזטע אויגן
שלענגלסטו זיך שטיל און שטום
אין אַ ים מיט טרערן־כוואַליעס,
וואָס ער רינגלט דיך אַרום.

אויפֿן דנאָ פֿון מײַן שלאָף

(עמנואל האַקען — אַ באַשיידענע מתנה)

אויפֿן דנאָ פֿון מײַן שלאָף
ליגט אַ קעמל פֿאַרהויערט —
פֿון דאָרט קומט מײַן אומעט,
פֿון דאָרט קומט מײַן טרויער.

איז אַ ווינטנבראָך
איז ער אומגעקומען —
פֿון דאָרט קומט מײַן טרויער,
פֿון דאָרט קומט מײַן אומעט.

פֿאַרשאָטן אין מידבר־זאַמד
ליגט ער אַ שטומער —
ווי וועל איך צו ווײַטן
געבענקטע דערקומען?

זיבן ברונעמער

זיבן ברונעמער מיט גאָלד און טרערן —
זאָג מיר, ווער ס'האָט זיי אין מיר געגראָבן.
אין די טיפּענישן בענקען גאָלדן —
עמעץ האָט געוואָלט, איך זאָל זיי האָבן.

אָוונטצײַט צעגיסן זיך די גאָלדן,
ביז די נאַכט באַצירט זיך שיין מיט שטערן.
ווער האָט בײַ די קוואַלן אין די טיפֿן
אויסגעזילבערט מײַנע שטילע טרערן?

ווער האָט בײַ די קוואַלן אין די טיפֿן
גאָלד מיט טרער געהייסן שעמערירן?
איך פֿאַרגיי מיך אין אַ שווערן אומעט,
ווײַל דאָס גאָלד די טרערן מוזן צירן.

נאָר ווי קען זײַן פֿרייד אָן גאָלד פון טרויער?
טרויערגאָלד אָן פֿרייד ווי קען מען גראָבן?
זיבן קוואַלן גאָלד און טרערן האָב איך —
עמעץ האָט געוואָלט, איך זאָל זיי האָבן.

איך בין שטאַרק ווי זעבציק גיבור-לייבן,
נאָר אַ שטערן-צאַפּל בײַט מיך איבער.
עמעץ וויל, איך זאָל זײַן אונטערטעניק
צום געשעפּטש פון מײַנע קוואַלן זיבן.

אַלץ נאָך

ס׳איז נאָך אַלץ פֿאַראַן געסודע
אינעם הוידען זיך פֿון צווײַגן
בין־השמשות, פֿון אַ ווינטל.
ס׳איז מיר גוט זיך מיטצוּוויגן,
נאָר צו ווען זיך צו טוליען —
האָב איך נישט.

איך בין מיד — דרײַ שטילע ווערטער,
נאָר צו ווען זיי צו שושקען
און זיך מודה זיין: מיך שרעקן
פֿונעם נאָענטן וואַלד די שאָטנס —
און אַרומצוהאַלדזן ווען —
האָב איך נישט.

און די שקיעה האָט די שליטה
איבער אַלע הימלווײַטן,
נאָר אַ טויער צו אַנטרינען
פֿון דער גליווערדיקער שטילקייט
און די גלידער אָפּצורוען —
האָב איך נישט.

בלויז אַ פֿלאַטערדיקן חלום,
וואָס פֿאַרמאַכט מיר האַלב די אויגן,
און ער וואַרעמט מיר די שלייפֿן,
און ער האַלט מיר אַלץ אין מאָלן
דינע מעשׂהלעך, וואָס פלעפֿן —
האָב איך נאָך...

ווינטלקליידער

דאָס ווינטל האָט אַ רגע איינגעדרימלט —
האָב איך מיך צוגעגנבֿעט, צוגעשאַרט,
און כ׳האָב אים אויסגעטון די ווינטלקליידער,
וואָס כ׳האָב נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג געגאַרט.

איך האָב אים אויסגעטון די ווינטלקליידער,
און זיי מיר אָנגעטון — זיי פּאַסטן מיר.
איך האָב צעשפּרייט די ווינטלדיקע פֿליגל —
האָט זיך מיר אויפֿגעמאַכט אַ חלום־טיר.

איך בין אַריין אין חלום־טאָל פֿאַרנאַכטצייַט,
און כ׳האָב דערזען אַ הייַזל אינעם טאָל.
דאָס הייַזל איז די כאַטע פֿון מייַן בענקשאַפֿט,
וווּ ס׳וווינט די ליבשאַפֿט מייַנע פֿון אַ מאָל.

כ׳האָב מיט אַ פֿינגער אָנגעקלאַפּט אין לאָדן.
פֿון אינעווייניק ענטפֿערט זי מיר שטיל.
איך זאָג איר, ווער ס׳איז צון איר אָנגעקומען,
און כ׳זאָג מיט אײדלקייטן וואָס איך וויל.

די טירן און די פֿענצטער — שוין פֿאַרריגלט,
און בלויז איין פֿענצטער שטייט נאָך אָפֿן, גרייט
אַרייַנצולאָזן מיך אין שטילן הייַזל,
וווּ ס׳וווינט מייַן ליבשאַפֿט, אין אַ חלום־קלייד.

דאָס ווינטל האָט מיך דאָ גענומען וועקן:
״איך וויל די קליידער מייַנע אָפּ צוריק״.
כ׳האָב אויפֿגעמאַכט די אויגן, נאָר דאָס הייַזל
איז מיר נאָך לאַנג געשטאַנען אינעם בליק.

קומט, גוטע־פֿרײַנד

גאָטס שיינע וווּנדערס איז דאָ אַ סך —
גייט אַרויס פֿאַר דער טיר נאָך אָנהייב נאַכט,
שטרעקט אויס די האַנט, און אַ ברכה מאַכט.

דער עיקר טאָג איז די אָוונט־שעה.
די לבֿנה איז דאָ און איז נאָך נישטאָ.
זי'ט זיך ווײַזן געטרײַ אין מערבֿ־בלאָ.

זי'ט קומען געשפּענסטיק־בלייך און דין.
אויך איך בין געטרײַ — זי ווייסט, ווער איך בין,
מיר זענען פֿאַרקנסט לויט אַן אייביקן דין.

די לבֿנה חלומט צו מיר צו —
מיר ווערן איינס אין אומרו־רו.
מיר זענען געוועגדט צו דער ווײַטעניש ווו.

מיר שווימען אַוועק מיטן אָוונטטײַך —
אַ ספּלאַווע טראָגט מיך שטיל און לײַכט.
נישט גאָלד, נישט זילבער מאַכט מיך רײַך.

איך שווים מיטן אָוונטטײַך אַוועק —
ערגעץ וואַרט אויף מיר אַ שטילער ברעג,
אָן פֿאָכעניש פֿון געהויבענע העק.

פֿאַראַן אַ לאַנד — אין גאַנצן מײַנס,
מיט פֿעלדער ברויט און גערטנער ווײַן.
די גרענעץ לאָזט מיך גרינג אַרײַן.

צי האָב איך עס פֿאַרכאַפּט אַ מאָל
דורך אַ מלחמה אין אַ טאָל —
מיט פֿײַלן און מיט שווערדן שטאָל?

צי דורך הריגה אויף אַ באַרג —
ווײַל וואָס איך האָב, איז מיר אַלץ קאַרג
און כ׳גאַר נאָך פֿעסער דימענטוואַרג?

ניין, ברויט און ווײַן און רײַך און גרויס
איז דאָ אַ שיינער משל בלויז —
מײַן רײַכטונג לאָזט זיך גאָרנישט אויס.

דאָס לאַנד ציט זיך טיף אין דער ווײַטעניש —
קיין קאָסע, קיין שנײַדמעסער פֿיר איך נישט,
און הימל און ערד איז דאָרט אויסגעמישט.

און כ׳האָב בריוולעך צעשיקט ביז דער ווײַטסטער ווײַט:
מײַן גאַנץ פֿאַרמאָג איז פֿאַר אָרעמע־לײַט —
קומט, פֿלייצט אַרײַן פון אַלע פֿיר זײַט.

קומט אַלע אַרויס פֿון דער אומעטהייל,
און איטלעכער — וואָס ער׳ט געליטן — דערציילט.
איר זענט מײַנע ברידער, כ׳בין אײַערס אַ טייל.

ס׳איז דאָך נישט פֿאַראַן קיין גרעסערע פֿרייד,
ווי זיצן מיט ברידער פֿאַרטײַעטערהייט
און הערן און רעדן גינציקע רייד.

קומט, גוטע־פרײַנד, איך וואַרט אויף אײַך —
שווימט מיט מיט מיר אויפֿן אָוונטטײַך
און ווערט ווי איך חלומות־רײַך.

שטערנשטרויען

אַז דער אָסיען ציט זיך אויס,
נעמען די פֿאַרנאַכטן בלינדן —
בלאָנדזשעט אום דער נאַר אין פֿעלד
מיט זײַן טשערעדע מיט רינדער.

עפּעס מעקען זיי אין אים
איינס ווי איינס, ווי דולע ציגן.
זיי'לן אים טרײַבן פֿון דער וועלט —
הלוואי כ'זאָל זאָגן ליגן.

דאָס געדרודער, וואָס אין אים,
קען ער מערער נישט פֿאַרנעמען —
זעט ער, שטייט אַ קערנעצע,
און אַ ווינט וויגט אום איר עמער.

עפּעס קרעכצט די עמערשעפּ,
ווײַל די קייט קען שלעכט פֿאַרוויגן.
גייט ער צו און קוקט אַרײַן —
זעט ער, זיבן שטערן ליגן.

עפּעס בלינצלען זיי צון אים,
ווי זיי זאָלן וועלן זאָגן:
„אין דער עמערשעפּ איז ענג,
ממש נישט צום איבערטראָגן.

נעם אונדז אין דײַן פּאַזעכע,
גיב אונדז אַ געשאַנק די רינדער —
אַ דערפֿרייעניש צו זײַן
אין די האַלבע־נעכט, די בלינדע.“

און פּאַר טאָג, בײַם ערשטן קריי,
ווען, געוויינטלעך, שווינדן שטערן

האָט זיך פּלוצעם אים פֿאַרוואָלט
ס׳זאָל דערפֿון אַ מעשׂה ווערן.

האָט ער אין דער פּאַזעכע
פֿון די שטערן שטרוי באַשאַפֿן
און די לעבער אין די ווענט
גוט פֿאַרשטאָפּט, די וועלט זאָל גאַפֿן.

אי די וואַרעם האַלט זיך מער,
אי צום קוימען קומט פֿון ווײַטנס
אַ געדאַכטע וואָלקנקרוין —
אויף זײַן שפּיץ זיך זעצן רײַטן.

גייט די גאַנצע וועלט פֿאַרבײַ,
גייען ייִדן, גייען גויים,
און מע הייבט נישט אָן צו זען
אין די ווענט די שטערנשטרויען.

זיצט און קלאָגט דער וויסטער נאַר,
אויף דער פּריזבע פֿון זײַן כאַטע:
נישט געדאַרפֿט מיט שטערנשטרוי
לעבעריקע ווענט פֿאַרלאַטען.

ענטפֿערט אים אַ קראָ דערבײַ
מיט איר שנאָבל, מיט איר שאַרפֿן:
„נאַר, צי ווייסט דען ווען אַ מענטש
וואָס אַזוינס ער דאַרף באַדאַרפֿן?"

אַז דער אָסיען ציט זיך אויס,
נעמען די פֿאַרנאַכטן בלינדן —
בלאָנדזשעט אום דער נאַר אין פֿעלד
מיט זײַן טשערעדע מיט רינדער.

אַ שוועלבל, אַ בלויס

מיט מײַנע הוילע זשמעניעס
װעל איך כאַפּן אַ שוועלבל, אַ בלויס
און עס ברענגען צו מיר אין דער כאַטע,
ווײַל דער אומעט איז דאָרטן גרויס.

ער פֿינצטערט אַראָפּ פֿון דער סטעליע,
סע וויגן זיך מיט אים די ווענט,
און איינער, אַ לאָמער, זיצט דאָרט,
מיט אַ ספֿרל אין די הענט.

אין ספֿרל שטייען מעשׂות
וועגן ווײַטע מדינות־הים —
דער לאָמער ז׳געוועזן שוין אין אַלע,
כאָטש אַליין גייט ער אום ווי׳ן אַ צאַם.

דאָס שוועלבל זינגט אין פֿליען,
און פֿליט מיט אים אום אַזוי לאַנג,
ביז סע ווײַזט אים אַלע מקומות,
וואָס ר׳איז דאָרט נאָר געוועזן אין געדאַנק.

ער פֿליט איבער ווײַטע לענדער,
אין די אָרעמע ציט אים מער —
און ער טיילט דאָרט אוצרות צדקה,
און מאָנט נישט דערפֿאַר קיין טרער.

דער לאָמער פֿאַרטראַכט זיך אַ רגע,
ער ליגט — אַ געבונדענע לאַם.
אוי, העלף מיר, זינגעדיק שוועלבל,
אַז איך זאָל אַרויס פֿון דער צאַם.

אַ טײַכל

געגאַנגען אַ טײַכל שטיל אין אַ וואַלד
און אַרויס אויף אָפֿענע פֿעלדער.
בײַם ברעג, צו שפּיגלען זיך אין אים,
האָבן ליכטיקע ליפּעס צעשטעלט זיך.

אַפֿילו אַ ווערבע, אין אומעט געקליידט,
וואָס האָט זיך געוויגט, ווי געבליפּעט,
האָט זיך אַזוי לאַנג אויף די ליפּעס פֿאַרקוקט,
ביז אַליין געוואָרן אַ ליפּע.

דאָס טײַכל האָט אייביק צום הימל געקוקט,
און די הייך — זיך אין טײַכל געשפּיגלט,
און רעגן־בויגנס, פֿון צײַט צו צײַט,
האָבן וווּנדערלעך ביידן פֿאַרעיגולט.

ביז איין מאָל — גיי ווייס: פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען —
האָט אַ שטיין זיך אַראָפּגעקוילערט
פֿון אַ וויסטן, פֿינצטערן באַרג נישט ווײַט —
און דאָס ליכטיקע טײַכל געקוילעט.

אַ פֿעלדז, אַ פֿויסט פֿון אַ פֿינצטערן באַרג,
פֿון אַ וויסטן באַרג, אַ שוואַרצן,
איז צו — און זיך אַוועקגעשטעלט
דעם טײַכל אויפֿן האַרצן.

מע הערט נישט קיין אָטעם שעלעשטשען זיך מער
אויפֿן טײַכלס ברעגן ביידע,
פֿון די ליפּעס שווינדט די ליכטיקע שײַן
און סע ועפּן אויס די פֿריידן.

פֿאַר טאָג קומען פֿייגל צום טײַכל צו,
פֿאַרצאָגטע: „פֿאַר וואָס אַזאַ צאָרן?"
ס'איז שטיל. די שטערן סודען זיך
און אַ ווינטל פֿײַפֿט אין אַ האָרן.

דעם שאָטן

דער בורא,
וואָס אַלץ איז אים אַזוי געראָטן —
פֿאַר מיר האָט ער באַשאַפֿן
דעם שאָטן,

דעם דרימל,
וואָס קומט חלומות וויַיזן,
וואָס נאַרן,
און טאָגקאָשמאַרן,
וואָס ווילן מיט צעגליטע איַיזנס
די אויגן אויסשטעכן דעם הימל —

די אָפּגלאַנצן פֿון שיפֿן,
וואָס ציִען האָפֿערדיקע איבער ימען:
די אויסגעלאַכטע בענקעניש
צו ברעכן צאַמען;

דעם אָפּדאַכט פֿון דערגרייכטע צילן,
און אויך אין קאָפּ דאָס זשומעניש פֿון ווערטערמילן.

איך בין זיך יעקאָש באַגאַנגען

(דעם ח׳ מאיר חרץ — מיט נאָענטשאַפט)

איך בין זיך יעקאָש באַגאַנגען
אָן עשירותן, אָן פּוסטע.
מיר געווען איז אָנגעשריבן
כ׳זאָל נאָך עפּעס אַנדערש גלוסטן.

ווינטלעך, פֿייגעלעך און שטערן —
לאָז זיך לאַבן ווער סע וויל דאָרט —
איך האָב זיי געשאָנקען לידלעך,
זיי — מײַן בידע מיר געמילדערט.

איצטער קומט דער זשום פֿון בינען,
און דאָס חנדלען זיך פֿון קווייטן,
און דאָס שושקעניש פֿון זאַנגען —
איבער פֿעלדער אויסגעשפּרייטע.

אַלץ, וואָס כ׳האָב דאָ אויסגערעכנט,
נישט אין גאַנצן מײַנס איז, אמת —
קיינער, אָבער, קען נישט קומען
מיר דעם אוצר צוצונעמען.

כ׳האַלט אים נישט פֿאַרשטופּט אין קאַסטנס, —
זאָל אַיעדער קומען גאַפֿן.
דאָס איז דאָך פֿון יענע אוצרות,
וואָס נאָר גאָט קען זיי באַשאַפֿן.

אויף אַ סטעטשקע

איך זוך מיר אָפּ אַ סטעטשקע, איך זאָל זײַן אַליין.
איך וויל, אַז קיינער זאָל מיר נישט אַקעגנגיין.

איך האָב בפּירוש ליב סײַ פֿרעמדע און סײַ פֿרײַנד,
ס׳איז אָבער פֿאָרט פֿאַראַן אַ שעה — אַליין צו זײַן.

אַ ווינטעלע — נו, מילא, קען איך נאָך פֿאַרשטיין —
גיי, כאַפּ אַ ווינטעלע און זאָג אים: ניטע, ניין.

אַחוץ דעם ווינטל, אָבער, קומט נאָך עמעצער,
און דווקא ווײַטע, נישט־געזעענע — נאָר כ׳הער.

און ווי כ׳זאָל מיך ביי זיי נישט בעטן: איך בין מיד —
איז בעטן זיי מיך: נעם אונדז אויך אַרײַן אין ליד.

די שיינקייט, סײַ די איצטיקע, סײַ פֿון אַ מאָל,
וויל ווערן ליד, אַרײַן צו מיר אין לידערטאָל.

צו וואָס איך בין אַהער געקומען, ווייס איך נישט.
איך זיץ שוין אויף אַ שטיין, די קני איז מיר אַ טיש.

איך לאָז מיך ווײַט אַוועק אין בלויען הימל־ים —
נאָר כ׳זוך דאָרט גאָרנישט, נישט קיין ריטעם, נישט קיין
גראַם.

פֿאַראַן דאָרט צען מאָל טיפֿערס ווי די לידערײַ —
און די נשמה איז מיר תּמיד בײַ דערבײַ.

וואָס טוט מען זשע, אַז אַלץ קומט נישט־
געזוכטערהייט —
נישט אַנדערש, עמעצער האָט שורות דאָ פֿאַרזייט.

דאָס בליִעבץ פון די שורות סמיק איז און זיס
און סוף־כּל־סוף וועט עס מיך וואַרפֿן פֿון די פֿיס.

קיין אומגליק נישט, פֿאַרקערט — איך זאָג: אַ שיינעם
דאַנק,
ווײַל ס׳איז דאָך פֿאָרט זײַן ליבן נאָמענס אַ געשאַנק.

די טאָפּאָלן

די טאָפּאָלן, די מנורות
פֿון זייַן ליבן נאָמענס וועגן,
ציִען זיך אַרויף, אַרויף צו —
נאָך אַ לינדן זומער־רעגן.

און זיי דאַנקען פֿאַרן רעגן
אָן געפֿאָך פֿון צווייַגנפֿאָנען,
נאָר פֿאַרטייַעטע אין שטילקייט
און אין ערלעכסטע כּוונות.

אַז דער וואַלד מיט ביימער־דאַוונערס
בוקט זיך פֿרום און זשורזשעט מודים,
ציִען זיי זיך צו די הייכן
און זיי זענען זיך מתבודד.

ווי ניסתּרים אין די היילן
זענען זיי זיך דאָרט מתיחד
און זיי דאַנקען פֿאַר גאָטס גאָבן
שטיל און מיט צעשטראַלטן פּחד.

פֿון דער נידער זעט מען בלויז נאָר
ווי די בלעטער־ליסקעס צאַפּלען,
ווען אַ ווינטל קושט די צווייַגן
אין די ליכטיקע שוואַרצאַפּלען.

די שטערן צינדן זיך

די שטערן צינדן זיך —
מע זעט דעם צינדער, דאַכט זיך.
אַ סודותדיקע קלאָר
גייט אויף אין פֿעלד פֿאַרנאַכטצײַט.

פֿון וואַנען קומט די שטיל?
פֿון טיפֿענישן ערגעץ —
אין טאָלן נידערט זי
און שלײַכט זיך איבער בערגער.

אין טאָלן נידערט זי
אויף שלאַנקע נעפּלשיפֿן.
אין שפּאַלטן פֿון די בערג.
זיך עפֿענען זיי טיפֿן.

אַהין פֿאַרשוועבן זיי
צום טיפֿסטן ים פֿון אַלע
און װינקען דאָרטן שטיל,
און ווערן שטיל פֿאַרפֿאַלן.

ווי זאָל איך עס האָבן געוווּסט?

זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער טשערעדע שאָף אין דער נידער —
די ביימערבערג האָבן נישט אויפֿגעהערט טאַנצן און שפּרינגען.
די טראָגיקע גייען הינטן, פֿון פֿאָרנט — די ווידערס.
די שקיעה וועט באַלד, ווי׳ן אַ תּהום, אין אַ באַרגשפּיץ פֿאַרזינקען.

די נאַכט האָט פֿאַרשפּיליעט מיט זילבערנע קנעפּ אַלע הייכן.
ווער ווייסט, וויפֿל אוצרות זי האַלט דאָרט באַהאַלטן אין היילן.
איך וויל מיט די שאָף אין דער נידער מנוחה דערגרייכן,
פֿאַרשלעפּערן זיי אויף מײַן פֿײַפֿל, און בײַקעס דערציילן.

ס׳איז וואָר, דער הימל מיט שטערן פֿאַרכאַפּט מיר די אויגן,
דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט ער מיר זינט איך קען מיך געדענקען,
נאָר תּמיד האָט אויף די ערד צו זיך מיך געצויגן,
און האָט מיך געטוליעט צו זיך און לאַסקעס געשענקט מיר.

ווי זאָל איך עס האָבן געוווּסט, אַז אין טאָל גייען שטראָמען,
אַפֿילו מיט ברעגן, וואָס רײַסן אַוועק און פֿאַרשלעפּן
און וואַרפֿן אַריין אין אייביקע, פֿינצטערע תּהומען —
אַפֿילו ווי נאָר מע קומט אַ טרונק וואַסער צו שעפּן.

ווי זאָל איך עס האָבן געוווּסט? אַז פֿון ווײַטן גאָר גלעטן
און רופֿן די גראָזיקע ברעגן צו קומען און טרינקען —

ווי זאָל איך עס האָבן געוווּסט, אַז די טיפּעניש שפּעט
גאָר,
און די, וואָס גענענען אַהין, וועלן דאָרט פֿאַרזינקען — ?

ווי זאָל איך עס האָבן געוווּסט, אַז גלעטיקע כוואַליעס.
וואָס האַלדזן אַפּילו פֿון ווײַטן — זיי קענען גענאַרן — ?
די שאָף זענען האַרט לעבן טײַך פֿון די פֿיסלעך געפֿאַלן,
און איך, זייער פּאַסטעך, בין אויסגעגאַנגען פֿון צער.

ב.

פֿאַר טראַכטע שיפֿן

דורכן חלום, וואָס פֿירט פֿון דער פֿינצטער

כ׳וועל קומען אין אוקראַיִנישן דאָרף,
ווו קיין ייִדישער פֿוס טאָר נישט טרעטן,
און אָפּזוכן דאָרט דאָס צעלאָמעטע "פֿעלד"
ביַי דער מאַמען מחילה צו בעטן.

קיין גדר נישטאָ, קיין מצבֿה נישטאָ —
כ׳וועל אָבער דאָס "פֿעלד" געפֿינען.
צי ווילסטו, מאַמעשי, אַ גרוס
פֿון דיַינע טעכטער און זינען?

האָסט אויסגעהאָדעוועט קינדער אַכט,
נאָר קומען צו דיר קען נישט קיינער,
צו לאָזן אַ טרער אויף דיַין קבר־אָרט
און אַ קדיש אויסצוּוויינען.

צעהיצטע וועכטערס היטן דאָס דאָרף,
מיט שפּיזן אין די אויגן,
ווײַל אַנדערש וואָלטן מיר אַלע אַכט
געקומען אַהין געפֿלויגן.

ווײַל אַנדערש וואָלטן מיר אַלע אַכט
שוין לאַנג געווען אַהין טרעפֿן,
און דו וואָלסט אונדז אַקעגנגעגאַן
דיַינע ליכטיקע אָרעמס געעפֿנט.

נאָר צעהיצטע וועכטערס היטן דאָס דאָרף,
ווו דיַין עלנטער קבֿר געפֿינט זיך,
און דיַינע קינדער קומען צו דיר
דורכן חלום, וואָס פֿירט פֿון דער פֿינצטער.

פֿאַרמאַטערטע פֿליגל

פֿאַרנאַכטיק ווינטל אין אָפֿענעם פֿעלד —
נאָך דאָס מאָל זאָלסטו מיך הערן:
נעם טריקן אָפּ מיט דײַן קילער האַנט
די אַנגסטן פֿון מײַן שטערן.

איך גיי דאָ אַרום שוין שעהען לאַנג,
איך פֿלי אויף פֿאַרמאַטערטע פֿליגל,
און איך בין דערפֿלויגן אַהין ווו איך וויל,
און איך וויל נישט אַרויס פֿונעם עיגול.

כ׳בין אַריבער אין פֿליען אַ פּינצטערע וואַנט,
פֿון חרובֿע בערג געמויערט.
כ׳האָב אויסגעמיטן די שדים־שטעט,
וואָס האָבן אויף מיר געלויערט.

כ׳בין אַרײַן אין אַ ווײַטן, פֿאַרנאַכטיקן טאָל.
די טונקל איז שטיל, נאָר זי שרעקט נישט.
כ׳האָב אַ שושקע געגעבן: ״מאַמע, ס׳איז איך״, —
און געהאַלטן די אויגן פֿאַרדעקטע.

האָט עמעץ געענטפֿערט פֿון אונטערן גראָז,
פֿון לעבן אַ קופּע שטיינער:
״סע גייט שוין דאָס זעקסטע צענדליק יאָר,
ווי סע קומט אַהער נישט קיינער.״

כ׳האָב צוגעדריקט שטאַרקער די הענט צום קאָפּ,
אַז איך זאָל נישט צעגיין פֿון טרערן —
פֿאַרנאַכטיק ווינטל, נעם מיך אַרום,
און די אַנגסטן וויש אָפּ פֿון מײַן שטערן.

איך וועל מיר צונויפֿקלאַפּן ברעטער פּיר,
און דיך בעטן מיט לעבעץ אין מײַן גומען,
אַז דו זאָלסט מיך נעמען אין חלום אַהין,
פֿון וואַנען כ׳בין נאָר וואָס געקומען.

און לאָז מיך דאָרט איבער, און פֿלי דיר צוריק
אין דער וועלט, אין דער ווײַטער און ברייטער,
כ׳וועל דאָרט מײַנע פֿליגל פֿאַרמאַטערטע צוויי
שוין מער נישט וועלן צעשפּרייטן.

זי שטייט לעבן מיר

איך זיץ בײַם טיש — מיט חדווה־פֿאַרכט.
איך הער אַ געפּלאַטער — זי ווײַזט זיך
און לייגט מיר די האַנט מיט דער פּען אַוועק
אויפֿן בויגן פּאַפּיר, אויפֿן ווײַסן.

זי שטייט לעבן מיר און קוקט זיך אײַן
ווי איך טונק די פּען אינעם טינטער.
פֿון פּוסטער הנאה היט זי מיך,
פֿון נאַרישער עצבֿות זי מינטערט.

מ׳האָט מיך נישט געלערנט טראַכטן גראַם,
און פֿון וואָלקנס און פֿייגל צו זינגען,
נאָר נאָכשרײַבן שורה־גריזלעך שיין,
מיט אַ געענדזענער פּען אין די פֿינגער.

מיר געדאַרפֿט עמעץ איבערקרישען די הענט
אין טאָג פֿון מײַן ערשטן לידל —
צו וואָס, צו וואָס האָב איך, מאַמע, געדאַרפֿט
אַ לעבן זיך מאַטערן און מידן?

דורך יאָרנרינגען פֿלי איך צוריק,
איך פֿלי אויף הינטערווײַלעכץ.
די יאָרן, וואָס האָבן זיך שווער געשלעפּט,
זענען גרינגע אַצינד און זיך אײַלן.

פֿון ווײַטן שוועבט זי אָן צו מיר,
פֿון אַן אָפֿענעם לויטערן טויער:
"וואָס ביסטו, קינד, אַזוי באַטריבט,
ווי ס'וואָלט אויף דיר עמעץ געלויערט."

"מע לויערט שוין נישט מער אויף מיר,
כ'בין אַליין צום שטרויכל געגאַנגען.
איך ליג אַצינד אַ געפּענטעטער
און קען נישט צו דיר דערלאַנגען.

כ'האָב אָנגעווירן אַ גרויסן פּאַרמאָג —
ווער זאָל מיר אים העלפֿן געפֿינען?
איך בין פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ,
און סע שטשירען אויף מיר שפּינען."

"וואָס רעדסטו, וואָס, דו נאַריש קינד —
דו דאַרפֿסט דערלאַנגען **צו** מיר?
שוין מער ווי פֿינעף צענדליק יאָר,
ווי איינס צום אַנדערן מיר קומען.

דו רעדסט דאָס לשון, וואָס כ'האָב דיר פֿאַרגלייבט,
מיט מײַן מילעך האָסטו עס געזויגן —
פֿאַר וואָס זשע, אַז דו טראַכסט דערפֿון,
איז פֿײַכטן זיך דיר די אויגן?

דאָס לשון מיַינס, די מעשהלעך,
די ווערטלעך — איז דיר ווינציק?
און זי, די מוזע — ווי דו זאָגסט —
איז, זע איך, צו דיר גינציק."

איך פֿיל די וואַרעם פֿון איר גלעט,
איך זע כּמעט איר שמייכל —
אַ פֿלאַטער — און זי איז אַוועק
צוריק אין אירע הייכן.

טאַטע־מאַמע־היים

דער טאַטע — דער געבענטשטער בעל־מנגן,
די מאַמע — מיט דער שפּראַך, וואָס האָט געבליט
מיט טעמעדיקע ווערטלעך און אידיאָמען
און מעשהלעך, ווי צוויַיגן עפּלצוויט.

די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין קול צום זינגען.
מ'האָט גוט זיך צוגעהערט, האָט מען געהערט,
נאָר אויסגעטיַיטשט דאָס פּאָלקסליד שיין און ערלעך,
און מ'האָט דערהערט: אָט וואַרגט זי שוין אַ טרער.

און מיר, דו קינדער אַכט, מיר פֿלעגן אומגיין,
און ווי אַנטענעס שעפּן אַלץ אין זיך
און מיט דערמיט דער מאַמעס ברויט באַזאַלצן
און ס'אויסגערעכנטע געקעכץ אין קיך.

חלילה, מ׳האָט קיין הונגער נישט געליטן —
מ׳איז הונגעריק געווען נאָך שיינס און רעכטס.
ווי יונג מ׳איז נאָך געווען, האָט מען פֿאַרשטאַנען
די טיפֿע זאָרג אין טאַטע־מאַמעס קרעכץ.

נישט הילכן פֿלעג אין שטוב מיט קיין נגינה,
נגינה איז אַ זאַך נישט פֿון דער וואָך —
נאָר ס׳איז סײַ ווי אין אונדז פֿאַרזאַפּט געוואָרן,
און שטראַלט פֿון אונדז אַרויס ביז איצטער נאָך.

בלויז שבת־יום טוב פֿלעג דער טיש דערהערן
נגינה פֿונעם שענסטן יידיש־מין
און אויך ״מסיני״ פֿלעג אין שטוב זיך טראָגן —
ס׳איז יום־טוב — אָבער וויינען ווי אַ בין.

מיר זענען, דאַנקען גאָט, פֿאַראַן נאָך אַלע,
(הלוואַי אויף גוטע יאָרן נאָך אַ סך !) —
ווער גיט אונדז חיות און דעם חיות — בענקשאַפֿט?
דעם טאַטנס ניגון און דער מאַמעס שפּראַך.

פֿון וואַנען האָט די מאַמע אַלץ גענומען —
אי ליד, אי מעשה, ווערטל און אידיאָם?
און דער נגינה־קוואַל ווי קומט צום טאַטן —
פֿון וואַן, פֿון וועלכן וווּנדערלעכן שטראָם?

מ׳איז היינט שוין מיט אַ בינטל יאָרן עלטער.
די אָפּגעשיידטע האָבן זיך געמיט.
מע שטאַרקט זיך מיטן טאַטנס קוואַל נגינה
און מיט דער מאַמעס וואָרט — ווען ס׳קומט די מיד.

אַ זעקעלע ערד

סע בלאָנקעט זיך גרינג איבער פֿעלדער פֿאַרנאַכטצײַט.
דו פֿילסט, ווי אַ ווינטל באַלייט דיך —
אָט ווי ס'זאָל פֿון נעכטן אין פֿעלד אויף דיר וואַרטן,
און ווי ס'זאָל דיך פֿאָלגן גרייט זײַן.

איך קען דיך דאָך, ווינטל, איך קען דײַן געטרײַשאַפֿט —
טאָ גיי אויך אַצונד אין מײַן שליחות,
און ברענג מיר פֿון דאָרטן, דו ווייסט דאָך פֿון וואַנען,
אַ זעקעלע ערד, אָבער גיכער...

איך וויל נישט אין דרימל קיין דאַכטענישן,
קיין שלאָף ביז סע הייבט אָן שאַריִען
דו ברענג מיר אַ זעקעלע ערד פֿון דאָרטן,
וואָס כ'קען נישט אַהין דערפֿליען.

ס'אַ חרוב בערגל ערגעץ עק וועלטן,
ס'אַ דאָרף אין דער אוקראַיִנע.
איך האָב נישט קיין פֿליגל זיך טראָגן אַהין צו,
מײַן רו דאָרט צו געפֿינען.

אַ זעקעלע ערד פֿונעם קבֿר־בערגל,
וואָס מ'לאָזט מיך דעם קאָפּ דאָרט נישט נייגן.
אַ זעקעלע ערד — כ'וועל עס האַלטן בײַם האַרצן,
ביז מ'עט עס צו קאָפּנס מיר לייגן.

דאָס מעשׂהלע דיינס

כ׳האָב אויסגעקליבן דאָס מעשׂהלע דייַנס,
ס׳זאָל אַ לעבן לאַנג מיך לאָבן —
כאָטש כ׳האָב עפּעס יאָ, עפּעס נישט געוווּסט,
אַז נישט **די** וועלט, נישט יענע ל׳איך האָבן.

ווייַל מעשׂהלעך פאָרן זיך זייער שלעכט
מיט מיסחר און מיט געלטער,
און פֿרום צו גאָט בין איך אויבעט נישט —
וועל איך אָנווערן ביידע וועלטן.

אַזוי האָט אַ מאָל זיך מיר אויסגעדאַכט,
נאָר איצט איז די דאַכטעניש אמת.
וואָלט ערגעץ געווען אַ מיטלוועג,
וואָלט אפֿשר כּדאי זייַן אים נעמען.

איך בין פֿאַרשלייַדערט ווייס איך וווּהין
און איך שוועב צווישן ערד און הימל
בהקיץ — ציט מיך דער הימל צו זיך,
און צו היימישער ערד — אין דרימל.

דאָס מעשׂהלע, אָבער, האַלדזט מיך הייס
און וויל עפּעס אַנדערש נישט הערן —
איז מיר זייַן ליבשאַפט זיבן מאָל ליב,
און איך זוך נישט קיין אַנדער ברירה.

דו טראַכסט פון מאָדנע מעשׂות

דו טראַכסט פון מאָדנע מעשׂות,
ביז די אויגן פאַרמאַכן זיך מיד,
און די בענקעניש לייגט זיך דרימלען
אין וויגל פון דײַן ליד.

סע רעדט זיך נאָר: אַ וויגל —
ס'איז נאָר אַ וויסטער שטיין,
וואָס האָט אַ האַרץ צו הערן
דײַן נישט־געהערט געוויין.

די מעשׂות העלפֿן דערטראָגן
דעם האָרב מיט טעג צון אַ ברעג,
ווו סע קומען שיפֿן פֿון ווײַטן
און שווימען נאָך ווײַטער אַוועק.

מע נעמט דיר אַלע משׂאות
אַראָפּ פֿון, די אַקסלען באַזאַכט,
און מעווישט דיר אָפּ די טרערן,
וואָס האָבן דיך אויסגעטראַכט.

דו ציטערסט אויס אַ תּפילה
צו דעם, וואָס מע זעט אים נישט —
ער איז דאָ, אַז מע וואָגלט אויף וועגן,
און איז דאָ, אַז מע זיצט בײַ אַ טיש.

ער איז דאָ, אַז מ'האָט נישט קיין וועג מער,
און קיין טיש איז מער נישטאָ.
ער לייגט דיר זײַן האַנט אויפֿן שטערן,
אין דײַן אויסגעלײַטערטסטער שעה.

אין אַ רגעלע דרימל

אין אַ רגעלע דרימל — וואָס ס׳חלומט זיך אָפּ!
כ׳בין אָנגעקומען צו מענטשנס גאָב —
האָט מיר איטלעכער איינער דערלאַנגט אַ שפּײַ
אין דער בלייבער האַנט — און דער שלאָף איז פּאַרבײַ.

דער חלום האָט מיך שטאַרק פּאַרצאָגט,
נאָר כ׳האָב עס קיינעם נישט אויסגעזאָגט.
כ׳האָב נאָר געפּרעגט: פּאַר וואָס קומט עס מיר?
און וואָסער חטא האָט דערצו מיך דערפֿירט?

דער שׂר פון חלומות איז טאַקע אַ נאַר,
נאָר האָט ער דען נישט קיין האַרץ דערפֿאַר?
איז איידער ס׳איז אַריבער די נאַכט,
האָט ער שטיל אין מײַן שלאָף אַרײַנגעלאַכט —

איך שטיי בײַם ברעג פֿון אַן אויסגעשפּרייט פעלד,
און אָנהייב אַ סטעטשקע — אַ זעקעלע געלט!
איך הייב עס אויף — ס׳איז נישט שווער און נישט גרינג,
און איך טייל דערפֿון צדקה רעכטס און לינקס.

און איטלעכער זאָגט מיר: „אַ שיינעם דאַנק" —
איך גיב נישט מײַן אייגנס, ס׳איז גאָטס אַ געשאַנק —
ער גיט עס אײַך דורך מײַן אָפֿענער טיר —
טאָ שעמט זיך נישט, נעמט נאָר, נאַרעלעך איר.

און דאָס זעקעלע לאָזט זיך גאָרנישט אויס,
ווײַל אַז גאָט טוט חסד, טוט ער עס גרויס.
איך לויב אים דערפֿאַר און איך אַכפּער אים שטאַרק
בײַ מיר אין שטוב, און אין גאַס אויפֿן מאַרק.

גערדאַרפֿט

(אַ באַשיידענע מתּנה מאָשקון און צפּורהן)

גערדאַרפֿט זיך לערנען שוסטעריַי —
פֿאַרריכטן שוכוואַרג צעריסנס,
דעם אָרעמאַן, אַז ער גייט אין גאַס,
זאָל וואַרעם אין די פֿיס זיַין.

גערדאַרפֿט זיך לערנען שניַידעריַי
און מיט דער נאָדל פֿירן,
דעם אָרעמאַן, וואָס גייט אין גאַס,
די גלידער זאָלן נישט פֿרירן.

וואָס קומט אַרויס פֿון מיַין זיצן ביַים טיש
און פּינטלען מיט דער פּענע,
אַז קיינעם ווערט נישט גרינגער דערפֿון —
נישט מיר אַליין, נישט יענעם — ?

פֿאַראַן אַ רגע, ווען מיר דאַכט:
אַ ביסל איז מיר גרינגער,
נאָר נאָך דער רגע ווילט זיך מיר
צעקרישלען מיר די פֿינגער.

צון אַ פֿייגעלע

שלום־עליכם דיר, פֿייגעלע —
קוויקסט מיך אַלץ מיט דיינע טרעלן.
כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט ווי דו זעסט אויס,
אָבער דו ביסט מיר פון תּמיד געפֿעלן.

כ׳הער אין דיין טרעלן, פֿייגעלע,
אַז דו אַליין ווייסט עס אויך מסתמא —
לאָזסטו מיך הערן דאָס שיינע געזאַנג,
וואָס ביַי דיר אין הערצעלע סאַמע.

מיינסט, איך ווייס ווי אַ טשיזשיק זעט אויס,
אַ סאָלאָוויי, צי אפילו אַ שפערל?
איך האָב אין חדר, דאַנקען גאָט,
נאָר עפּעס אַנדערש זיך אויסגעלערנט.

וואָס בין איך עפּעס — אַן אָרניטאָלאָג,
וואָס ער געדענקט יעדן פֿייגעלעס נאָמען?
איך האָב אייך ליב אויך צוליבן געזאַנג,
וואָס סע דערהאַלט די מידע נשמה.

און איך האָב ליב דאָס פֿייגלפֿאָלק
מערער פֿון אַלץ, וויַיל ס׳איז דאָ אַ סבֿרא,
אַז ס׳איז מגולגל געוואָרן אין מיר
עפּעס אַ פֿויגל — האַלב דימיון, האַלב וואָרעט,

וואָס ער האָט נאָך אין קדמונים געלעבט
און ער פֿלעג נאָר אומגיין און קוואָקען,
און אין אַ ביטערער מינוט —
ליב געהאַט גראַמען מיט ריטמען צו בראָקן.

מילא, נישט וויכטיק — נעם און דערצייל
עפּעס־אַזוינס, וואָס האָט קיין שטיך נישט.
וואָס וועט מען זאָגן? „ר׳איז אָדער געררירט,
אָדער ר׳האָט סתּם אַזוי ליב צו שוויצן...״

אָבער דער עיקר בלייבט דאָך פֿאָרט,
אַז מיר פֿאַרשטייען נישקשה זיך ביידע.
קומט אָנהייב זומער, דערקענט איר מיך באַלד —
דו און די גאַנצע פֿויגלישע עדה.

כ׳הער דיך שוין, פֿייגעלע, ווײ, וויפֿל יאָר!
אַקוראַט וויפֿל, איז שווער צו געדענקען —
זינט איך אַנטלויף פֿון דער גיהנומשער שטאָט,
זאָלסט דיינע האַרציקע טרעלן מיר שענקען.

סײַ ווי, אַ פֿינעף צענדליק יאָר —
כ׳דאַרף נישט פֿאַר קיינעם האַלטן קיין סודות,
ווו זיי זענען, די יאָרן? אַוועק,
ווי דורך אַ לאָך אינעם שטרויענעם בוידעם...

יאָ, דורך אַ לאָך אינעם בוידעם — אַרויס,
און צו די וואָלקנס, וואָס שוועבן און שווימען.
הכּל־בכּל איז אַלץ אַוועק
ווי אין אַ ביטערן זיסן דרימל.

פֿייגעלע, דאַכט זיך, סע קען גאָר געזײַן,
אַז דו ביסט אפשר שוין נישט פון דעמאָלט,
פון מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק —
וואָרן ס׳איז שווערלעך אַזוינס צו באַנעמען:

לעבן דען פֿייגעלעך צענדליקער יאָר?
ווער זשע ביסטו טאַקע אַצינדער?
ביסטו אַן אײדעם פון דעמאָלט, אַ שנור,
איינס פֿון אַ דעמאָלטיק נעסט מיט קינדער?

פֿייגעלע, זאָג מיר: פֿאַראַן ביַי איַיך
עפּעס אַזוינס, וואָס מע רופֿט משפּחתא?
ווייסטו עפּעס פֿון קרובֿים, פֿון פֿריינט —
אמתע, צי אויסגעדאַכטע?

נישט מיַין באָבעס דאגה? נו, גוט —
זיַי זשע מיר, פֿייגעלע, כ׳בעט דיך, מוחל —
כ׳האָב זיך פֿאַררעדט, ווי מיַין שטייגער איז,
און כ׳האָב דיר, אפֿשר, פֿאַרדרייט דאָס מוחל.

כ׳וויל נאָר, זאָלסט וויסן: איך טראַכט וועגן דיר
אויך אין דער שטאָט, אינעם טומל, אין וויַיטן:
ס׳לאָזן זיך איצטער אַראָפּ אויף אונדז
שווערע, ביטערע, פֿינצטערע ציַיטן.

וועלדער, זעסטו, האַקט מען אויס;
פֿעלדער ווערן קלענער,קלענער.
ווי וועט איר אין אַ נאַקעטער וועלט
שפּיַיזן זיך און זינגען קענען?

טויטפֿאַבריקן קריכן אויף אונדז,
און זיי נעמען די ערד באַדעקן.
פֿייגעלע, זייער פֿינצטערע הייך
קען אונדז ביידן אויף טויט דערשרעקן.

און פֿון די קוימענס זייערע שפּאַרט
רויך, וואָס איז פֿול מיט סירקע־סמען
און זיי דושען אויס די ערד
און די פֿישן אין די ימען.

און זיי לעשן אויס דעם דעך
אינעם ים פֿון כוואַליעס זאַנגען,
און זיי וואַרגן פֿייגעלעך
אין דער מיטן פֿון געזאַנגען.

און אַ וועלט אָן פֿייגעלעך —
לאָזט מען צו אַזוינס צום זינען?
רוחות־רעות, כּל־השלעק
וועלן אונדז זוכן און געפֿינען.

דאָס וועט זײַן די שטראָף פֿון גאָט —
אָן געלויב־געזאַנג פֿון פֿייגל
וועט די זון פֿאַר נאַכט פֿאַרגיין,
טיף דעם קאָפּ אין טרויער לייגן.

פֿייגעלע, מיר דאַכט, דו הערסט,
ווי איך רעד צו דיר מיט פּחד.
אויך אין דײַן געזאַנג־געטרעל
הער איך אַנגסטיקייט, מיר דאַכט זיך.

נאָר אָט ווערט שוין טונקלדיק,
אָונטווינטלעך נעמען גלעטן —
איטלעכענע חיה אין וואַלד
זוכט איר נאָרע און איר בעטל.

האָב זשע מיר אַ גוטע נאַכט,
זאָל די רו דיר וויל באַקומען.
איך וועל אויך אַוועק צו זיך
אין דער כאַטע, מיט מײַן אומעט.

איך וועל אפֿשר זען אין שלאָף
כאָטש אַ שײַן פֿון די חלומות,
וואָס זיי זענען מיר אַוועק
ווי דער רויך פֿון אַ קוימען...

אָפּצודעכעץ

איך בין אַרויס אין פֿעלד פֿאַר נאַכט,
אַ ביסל אָפּצודעכעץ —
קומט אָן אַ ווינטל שעפּטשענדיק,
אַזוי ווי אָפּצושפּרעכן.

איך טערפּע פֿון אַ ווונד אין האַרץ,
און איך קען מיך מיט איר נישט באָרען.
האָט עמעץ דיך אַהער געשיקט
אָפּשפּרעכן אַ נעהאָרע?

מ׳האָט מיר שוין אַ פּאָר מאָל געגאָסן וואַקס,
און אַ פּאָר מאָל געלאָשן קוילן
און כל־המיטלען אויסגעפּרווט —
קענסטו דאָ עפּעס פּועלן?

דאָס ווינטל האָט מיך אויסגעהערט
און מאָדנע שטיל געוואָרן,
און איך האָב ווידער באַלד דערפֿילט,
ווי אין האַרצן נאָגט אַ וואָרעם.

אַ גוטע האַנט

אַ פֿעלד, אַ געקווייטלטס איז אַלץ נאָך שיין,
און אַן עופּעלעס כיך האָט דעם זיבעטן חן.
פֿאַלייען מירמלנע ווערן פֿאַרגיין —
די ערלעכבע שיינקייט וועט אייביק באַשטיין.

איך שפּאַן אַ פֿאַרגאַפֿטער אַרום אויף דער ערד.
איך פֿלי אין די הימלען ווי לאַנג איך באַגער.
אין גיין און אין פֿליען האָב איך באַקלערט:
כ׳בין פֿאָרט אין אַ פֿעלד אַ געפּענטעט פֿערד.

איך לאָז מיך פֿון הייכן אַראָפּ צוריק
צו מיר אין כאַטע, צו מיר אין ליק —
דערפֿון איז אַ ביסל פֿאַרכמורעט מײַן בליק,
נאָר דאָ איז אַ מאָל דאָך געשטאַנען מײַן וויג.

אַ ליפּע אין פֿעלד, אַן עפּל, אַ קווייט —
אַ ברכה מאַך, איידער די זון פּאַרגייט.
דער נאַר נעמט און כאַפּט, נאָר דער קלוגער פֿאַרשטייט,
אַז אַ גוטע האַנט האָט דאָס אַלץ פֿאַרגרייט.

בוקעווינער לאַנדשאַפֿט

אַ מילעכל פֿון היץ און ווינט
מאָלט שטויב אויף דאַרע וועגן.
די קראָ איז אַ נבֿיאהטע —
ס׳עט גיין, ס׳עט גיין אַ רעגן.

די ערד איז אַ פאַרחלשטע
סע פּלאַצן איר די הויטן.
אין פּויערישע שטיבעלעך
זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט שוין.

די צערקווע שטייט אַן אָפּענע
זינט ס׳האָט גענומען טאָגן.
מ׳עט ווידער הייַנט די מאַטקע גאָטס
ביז העט שפּיץ באַרג דערטראָגן.

די פֿייגעלעך דערזעען עס
און הערן דעם געפּילדער —
דערשרעקן זיי זיך, ווערן דול,
צעפּליען זיך ווי ווילדע.

דערנאָך וועט דאָרט דאָס גאַנצע פֿאָלק
בייַם ערשטן וואָרט, דעם גלחס,
זיך נעמען צלמען מיט פֿאָרכט,
און אויף די קניעס פֿאַלן.

דערנאָכדעם וועט מען, ווי׳ן אַ כאָר,
דאָרט נעמען ריטשען, שרייַען:
דיי באָזשע, אַז דער רעגנגאָס
זאָל שוין נישט לאַנג זיך הייַען.

דער סוף וועט זייַן: די מאַטקע גאָטס
וועט ווען נישט איז דערהערן.
דערווייַל קיין רעגן קאַפּעט נישט,
דערווייַל נאָר קאַפּען טרערן.

אפֿשר איז באַשערט

אַ יִידיש שטילער ווינקל
אויף אַמאָלעדיקער בוקעווינער ערד:
אַ כאַטע, מיט אַ ברונעם האַרט בייַם וועג,
און עטלעכענע ביימער —
פֿאַר פֿאַרמאַטערטע מדינה־גייערס,
און אַ קאָרעטע —
להבֿדיל פֿאַר בהמות
און פֿאַר פֿערד.

און אין דער כאַטע וווינט דער פֿעטער משה־מרדכי —

ס׳איז דער מאַמעס פֿעטער,
ס׳הייסט דעם זיידע חיים מלמדס צווילינג־ברודער,
וואָס נאָך אים, פֿאַרשטייט זיך, הייס איך.
אויף דער עלטער
האָט ער זיך מיט אַלעמען געזעגנט,
נישט נאָר מיט די קרובֿים,
נאָר בפֿירוש מיטן גאַנצן שטעטל —
און אַוועק קיין ארץ־ישראל,
איבער לאַנגע און געדרייטע וועגן —
דאָרט צו שטאַרבן.
ר׳ליגט באַהאַלטן אויפֿן הר־הזיתים.
ביזקל איצטער רעדט מען נאָך אין דער משפּחה
וועגן זייַנע מידות־טובֿות —
און הלוואַי איך זאָל זייַן שם־טובֿ אַרבן.

און דער טאַטע,
עליו־השלום,
ליגט נישט ווייַט פֿון חיפֿה,
לעבן רייען ייִדישע סאָלדאַטן,
וואָס מ׳האָט יונג פֿאַרשניטן.

אפֿשר איז באַשערט,
אַז איך זאָל אויכעט ליגן דאָרט אַ מאָל,
אויף יענער ערד,
צעווישןביידע קבֿרים, ערגעץ אין דער מיטן.

צוויי וואַריאַציעס

א

ווי וואָלט איך געקענט דערטראָגן
מײַן באַקלעמעניש, מײַן לייד —
ווען מײַן אויער זאָל נישט פֿול זײַן
מיטן שעפּטש פֿון דײַנע רייד — ?

דײַן גערייד, דאָס ערלעך שיינע —
כ׳האָב דאָך בלויז נאָר דעם פֿאַרמאָג.
זיך דערין נישט קענען שפּיגלען —
וואָלט איך אויסגעגאַן פֿון פּלאָג.

ווער זאָל קומען און מיך שטאַרקן
אין מײַן בידע, אין מײַן שרעק,
און צו וועמען זאָל איך שרײַען,
אַז מע גייט אויף מיר מיט העק — ?

ב

דאָס שבת־אויפֿס פֿון מײַן מאַמעס שפּראַך
און פֿון מײַן טאַטנס ניגון
האָט מיך געשפּײַזט אַ גאַנצע וואָך —
נאָך פֿון מײַן סאַמע וויגל.

ס׳איז אַלץ פֿון זיידעס־באָבעס נאָך,
פֿון יאָרן ווייס איך וויפֿל,
אַרײַן צו מיר אין האַרץ אַרײַן,
אַזוי ווי אין אַ שיפֿל.

איך ווייס נישט ווי מע שרײַבט עס אויף,
נישט כ׳האָב דערפֿאַר קיין נאָמען —
נאָר ווער איך עס חלילה אָן,
ל׳איך לאָזן די נשמה.

פֿייגעלעך

כ׳בין אַרויס פֿון דער שטוב, אין פֿאַרטאָג זיך
אונטערצוטונקען.
פֿונעם וואַלד האָט אַ פֿייגלכאָר מיר אַקעגנגעזונגען.

פֿאַר וועלכע חסדים מײַנע און מעשׂים־טובֿים
זאָל מיר קומען אַזאַ באַגעגנס, אַז כ׳גיי מיך נאָר טובֿלען?

זאָל גאָט אײַך בענטשן, זײַן גוטע האַנט זאָל אײַך שפּײַזן.
אַז איר זאָלט אייביק אײַערע "כּלים" באַווײַזן.

איר זאָלט וואָס ווינציקער דאַרפֿן צו מענטשנס גאָבן,
וואָס זיי פֿאַרשעמען — מע וואָלט זיך גיכער באַגראָבן.

איך גאָף פֿון אײַערע אויסגעשליפֿענע העלדזולעך —
פֿאַראַן ביי אײַך סיראָטעס און ניסעלע בעלדזוערס.

איך הער די טענערלעך אײַערע און די סאָפּראַנדלעך —
מיר דאַכט, אַז סע זענען ביי אײַך "באַלעבעסלעך"
פֿאַראַנען.

איך זע אײַך פֿלאַטערן צווישן די צווײַגן, אין שאָטן —
כ׳האָב, דאַכט זיך, דערקענט דאָרטן אײַער ירוחם הקטן.

איר זינגט מיט די בעסטע כּוונות, נישט — צו געפֿעלן,
באַדאַרפֿט איר נישט פֿאַר קיין עולם־גולם זיך שטעלן.

איר האָט נישט קיין דיריגענטן מיט שטעקעלעך פּוסטע.
אַרום און אַרום — ווי זאָל איך צון אײַך נישט גלוסטן?

נישט ווײַט איז די שרײַיִקע שטאָט, וואָס זי וועט מיך נאָך טײבן.
איר, פֿייגעלעך, העלפֿט מיר, זיך פֿון מײַן געפֿאַלנקייט הייבן.

באַלאַדע

אַ מאָל האָבן לײַט געטראָפֿן
אַ קינד אין מיטן אַ וואַלד.
נאָך וויל זיך דער טאָג נישט זעצן,
נאָר די נאַכט קען דאָ צופֿאַלן באַלד.

דאָס קינד האָט מסתמא פֿאַרבלאָנדזשעט.
גיי פֿרעג, אַז סע רעדט קוים, פֿון שרעק.
געווען שוין דאָ לײַט — און נישטאָ זיי,
געטון אים שלעבטס, און אַוועק.

דאָס קינד האָט געטראָגן אַ העמדל,
אַ וואַרעמס, פֿון זײַדענער וואָל,
און גערעדט מיט אַ וואַרעם לשון,
און מיט אַ נגינה אין קול.

און אַ פֿײַפֿל אין דער פּאַכווע,
אַ ירושה פֿון דור צו דור,
וואָס צעשפּילט זיך מיט וווּנדער־נגינה,
ווי מע נעמט צו די ליפּן עס נאָר.

נאָר די לײַט איז דאָס אַלץ נישט געפֿעלן
די רייד נישט און אויך נישט דער קלונג:
מע דאַרף דעם קינד באַשערן
אַ שענערע, נײַערע צונג.

זיי זענען דאָס קינד באַפֿאַלן
און צעריסן אויף אים דאָס העמד,
וואָס האָט עס געהילט און געוואַרעמט
דורך אַזוי פֿיל לענדער פֿרעמד.

זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען,
אָן גוטס איז געווען דער ווונק,
און האָבן אים אויסגעשניטן
אַ גאַנצע האַלבע צונג.

זיי האָבן זיך אָפּגעטון זייערס,
און זענען אַוועק אין דער וועלט
און דאָס קינד געלאָזט אויף הפקר
אין אַ פֿינצטערן וואַלד, אין דער קעלט.

דאָס קינד גייט איצט אום און שטאַמלט
און קען זיך אַליין נישט פֿאַרשטיין —
און די, וואָס באַנעמען און הערן,
באַפֿאַלט אַ געוויין.

צווישן ווערעם און שטערן

צווישן ווערעם און שטערן — באַלאָדענע צווייַגן.
איך ווייס נישט ווער ס'האָט אַזוי זיי צעהאָנגען.
אַ בעטלעריונג — אין בלינדע צוואַנגען —
פֿאַרנעמט ווי די צווייַגן ווייִנען אין שווייַגן.

דאָס געוויין פֿון די צווייַגן איז שווער צו הערן.
ס'אַ חלום — און שרעקעניש האַלט אין איין שרעקן.
ס'אַ בענקשאַפֿט נאָך הימל און אייביקע שטערן —
זאָל קיין בליצפֿלאַם נישט קומען דעם חלום פֿאַרדעקן.

צו וואָס?

איך בין קראַנק מיט דער פּייַן
פֿון פֿאַרזעסענע יידישע טעכטער.
צו וואָס זיי געברענגט אויף דער וועלט,
דו, גאָט, דו, גערעכטער?

צו וואָס זיי געגעבן חן
און געטאָקטע גלידער, שיינע?
אין געפֿאַלנקייט גייען זיי אום,
ווייַל מע זעט זייער שיינקייט נישט קיינער.

ווי מע הערט נישט ווינטער פֿאַר נאַכט
אויף אַ פֿעלד צווישן דערפֿער,
ווי ס'פֿאַלן די שנייען —
אַזוי הערט מען נישט
זייערע שטומע פֿאַרשעמטע געשרייען.

פערלטרערן

(דער חברטע חווה ראָזנפּאַרב — אַ מתּנה)

בלישטשעדיקע טויען אין פֿרימאָרגן־שעהען —
ווער האָט שוין געוויינט אין ד׳הייכן, אין די בלאָע?
ווו איז ער אַוועק? מע זעט נאָר בלויז די טרערן
אינעם טוי און אינעם טײַכלס וואַסער־פּערל.

טרערן טריקענען, סע בלײַבן וואַסער־פּערל.
עמעצן דעם האַלדז צו צירן, און דעם שטערן —
און די ווערבעס פּאַזע טײַכל פֿרעגן אַלע:
— ווער וועט די באַשערטע זײַן דאָ און די כּלה?

קומען וועט זי באַלד, זיך ווײַזן אַ פֿאַרטראַכטע:
עמעץ האָט איר וועג פֿאַרפּלאָנטערט — וועט איר
דאַכטן,
עמעץ דאָ געוועזן, די פּערל איר פֿאַרביטן —
קען געזײַן, אַז זי האָט גאָר אומזיסט געליטן.

גראָזן קושן אירע שטילע טריט, די ווייכע,
ווערבעבלעטלעך גלעטן אירע באַקן בלייכע.

ווינטלעך, קומט און העלפּט מיר מײַנע האָר צעקעמען,
כוואַליעס, קומט צו נענטער, מיך אַרומצונעמען.
זי האָט זיך געבויגן ציליען וואַסער־פּערל —
און די ווערבעס וויינען שטיל מיט פּערלטרערן.

פֿאַר וואָס?

(לזכר מײַן שכן הערשל שטײנבערג ע"ה (1922 — 1981)

אין שטוב איז ווידער ליכטיק, שטיל.
די ווייענוואַנט איז אײַנגעפֿאַלן.
דאָס עופֿעלע פֿאַלט צו מיט דאָרשט
צום ברונעמל, ווו מילעך קוואַליקט.

די מאַמע האַלט עס ווי׳ן אַ טראַכט,
מיט אירע אָרעמס גאַנץ אַרום אים —

פֿאַר וואָס זאָל אַ מענטש נישט גיין פֿון דער וועלט
אַזוי שיין, ווי ער איז אויף איר געקומען?

דער טויט זאָל קומען שקיעה שטיל. נישט
ווי שטיינער־געוואַלגער אויף אָפֿענע אויגן.
און דאַכטן זאָל זיך, אַז עמעצער קומט,
אַז עמעצער קומט אַקעגנגעפֿלויגן..

פֿאַר וואָס דערקומען צום לעצטן ברעג
אַ געוואָרפֿענער פֿון פֿײַנען־ימען?
פֿאַר וואָס אַפֿריִער ווערן פֿאַרלענדט
פֿון פֿאַטשנדיקע ווייטיקפֿלאַמען?

פֿאַר וואָס זאָל דאָס לעבן נישט ענדיקן זיך
אַזוי שיין, ווי סע ענדיקט אַ טאָג זיך נאָך שקיעה,
און אַלץ זאָל ווי אַ וואָלקן אַוועק
אַהין ווו ס׳פֿאַרזינקט אונדזער פֿרייד און זיך־מיען — ?

פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל צער געצאָלטס,
די לעצטע רגע צו דערגרייכן?
ווער קען פֿאַרשטיין, ווער קען דערגיין
לאָז־זײַן אַ מינדסטן ענטפֿער־צייכן?

דער בעש"ט אונטערוועגנס

דער וועג איז געשלענגלט. דער טאָג איז נאָך גרויס.
די שקאַפּע גייט זיך אַליין.
זי ווייסט: פֿאַר אַ ייִדישער קרעטשמע אין וועג
באַדאַרף מען בלײַבן שטיין.

אַלעקסע זיצט מיטן פּנים צום בעש"ט.
מע שמועסט שוין ווייס איך ווי לאַנג.
"אַלעקסע, אַפֿילו די פּשוטסטע זאַך
פֿאַרמאָגט אַ טיפֿן געדאַנק".

מע רעדט פֿון השגחה, ווי גאָט פֿירט די וועלט
מיט רחמים, ווי ס'דאַרף צו זײַן,
אַלעקסע אָבער זעט עס נישט
און פֿאַלט אַלץ אין כּעס אַרײַן.

"אַלעקסע — זאָגט דער הייליקער בעש"ט —
ס'איז נישט דאָס, וואָס מע זעט און מע מיינט.
פֿאַראַן אַ כּוונה אומעטום —
מע דאַרף זי נאָר וועלן פֿאַרשטיין.

אָט, נעם טאַקע, דאָס, וואָס דיך קאָרטעט אַזוי,
דער ענין פֿון שׂכר און פֿון שטראָף —
דו פֿאַלסט אַרײַן אין כּעס דערפֿון,
און דו בורטשעסט דערוועגן אין שלאָף.

אַ מאָל קומט דער שׂכר פֿאַר אַ מיצווה נישט באַלד,
נאָר זאָרגן זאָרג דיך ניט —
אַ מיצווה, אַפֿילו מע מיינט, זי איז קליין,
טראָגט שׂכר בײַ זיך אין דער מיט.

נאָר וואָס זשע? נישט תּמיד זעט מען אים.
וואָס זעט דער מענטש שוין גאָר?
אַ מאָל קען ער קומען העט, העט, העט,
איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר.״

אַלעקסע גיט אַ וואָרף מיט זיך:
אוי, סטרוליק, רעדסט ווי אַ קינד,
צי לעהיי, דו זאָלסט מיר מוחל זיין,
אַזוי ווי אין בוים אַ ווינט.״

דער בעש״ט האָט שטיל אַ זיפץ געטון,
און די אויגן האַלב פֿאַרמאַכט.
ער האָט זיך פֿאַרקוקט אין דער ווײַטעניש
און אַזוי צו זיך געטראַכט:

הלוואַי וואָלט איך רעדן געקענט אַזוי קלאָר,
אַזוי ווי אַ קינד אין דער וויג
און אַזוי ווי אַ ווינט אין בלעטערוואַרג,
אַזוי איידל און תּמימותדיק.

דאָס קינד אין וויגל פּלאַפּלט נישט
און נישט דער ווינט אין בוים,
נאָר איטלעכס געשעפּטשע, ווי דין ס׳זאָל נישט זיין,
זאָגט: ברוך השם יום־יום.

דער וועג איז געשלענגלט. דער טאָג איז נאָך גרויס.
מע דרימלט איַין מ׳איז מיד.
די שקאַפּע שלעפּט זיך מידערהייט
און די רעדער סקריפּען אַ ליד.

אַלעקסע דרימלט, נאָר רוט נישט איַין —
ר׳איז אין כּעס אויף דער גאַנצער וועלט.
דער בעש״ט האָט אָפּגעאָטעמט טיף
אין דער טיף פון אַ שלאָפֿגעצעלט.

ער האָט געהערט אַלעקסעס זיפֿץ
און ווי ער וואַרפֿט זיך אַלץ.
מ׳האָט ביידע אין איינעם זיך איבערגעוועקט
פֿאַר נאַכט, נאָר דער טאָג איז צעפּראַלט.

״אַלעקסע, איך הער, ווי דו בורטשעסט בייז,
אין שלאָף איז דיר אויך נישט גוט.
נאָר גלייב מיר, דער מענטש איז גוט אין תּוך,
חוץ דעם רשע מיט רישעות אין בלוט.

דער רשע אָבער, וויי איז מיר
ער מיינט, אַז ער איז גערעכט,
ווייל ס׳איז פֿאַראַן אַ ניצוץ גוטס
אַפֿילו אינעם שלעכטס.

נאָר איינס, אַלעקסע, ווייס און געדענק:
אַז שכר־ועונש איז דאָ,
און דער פון אויבן איַילט זיך נישט —
אויף אַלצדינג איז דאָ אַ שעה״.

״אַז מיר פּאָטופּעט זיך עס נישט אין קאָפּ!״
אַלעקסע — כּמעט וואָס ער וויינט:
״דער באַדריקטער האָט אַ ביטער געמיט,
ווייַל די דאָליע איז האַרט ווי אַ שטיין.

דער רשע אָבער טוט נאָר שלעבטס
און הוליעט — האָ־האָ־האָ!
קיין עונש, זעט מען, האָט ער נישט,
נאָר שׂכר — דאָס האָט ער יאָ.

כלאָפּאָטשעסט, סטרול. איך זאָג מיר מײַנס:
אַ רשע — אין דר׳ערד אַרײַן גיי! —
וואָס גיט אים גאָט אַזוי פּיל גוטס,
און דעם בידנעם איז ווינד און וויי — ?"

נאָר דאָ האָט דער שמועס זיך אָפּגעהאַקט.
אַ קרעטשמע ביים ברעג פֿון אַ וואַלד.
דאָס הויזגעזינד לאָזט זיך מיד אַרויס —
דעם בעש"ט דערקענט מען נישט באַלד.

דער מערב־הימל איז פֿייער רויט.
די זון — אַ צעגאָסענער טײַך.
מע גייט פּאַמעלעך אַראָפּ פֿון דער פֿור.
די שקאַפּע צעהירזשעט זיך לײַכט.

"אַלעקסע" — ווײַזט דער בעש"ט אויף איר —
זי מאָנט — דו ווייסט דאָך וואָס.
נעם שפּאַן זי אויס און גיב איר אַ גלעט
און האָבער גיב איר אַ מאָס.

און דיר וויל איך זאָגן, אַלעקסע, הער:
ווער פֿרעגט צו פֿיל? אַ נאַר.
ס׳איז צען מאָל בילכער עפּעס צו טון
און פּאַרגרינגערן מענטשנס צער."

דאָס הויזגעזינד האָט זיך דערפֿרייט:
אַ גאַסט אַזוי פלוצטהאַלב!
נישט אומזיסט האָט אונטער דער סטריכע אין נעסט
אַזוי פֿיל הײַנט געטרעלערט די שוואַלב.

דער בעש״ט איז אַרײַן אין דער קרעטשמעשטוב
מיט אַ האַרציק וואָרט אין מויל.
ער קוקט זיך אַרום און זעט און פֿילט,
אַז דאָ איז שטאַרק נישט ווויל.

וואָס איז? ישׂראל,* דער רענדאַר,
איז נעבעך מסוכּן קראַנק —
אי אַן אייגענער ברודער* האָט אָפּגענאַרט,
אי רוצחים* — באַפֿאַלן נישט לאַנג.

האָט דער בעש״ט הקדוש זיך צוגעזעצט
צופֿוסנס פֿונעם בעט,
גענומען דעם קראַנקנס אָפּענע האַנט
און עפּעס אַריינגערעדט.

דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ
און צום חולה אַליין זיך געווענדט —
איז ביסלעכוויז ליכטיק געוואָרן אין שטוב
און מ׳האָט דערזען די ווענט.

דערנאָך איז ישראל אַראָפּ פֿונעם בעט
און זיך אויף די פֿיס געשטעלט.
ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטערל
און אַרויסגעקוקט צו דער וועלט.

און דער בעש״ט האָט געזאָגט: ״אַ גוטן טאָג,
און מע זאָל זוכה זײַן,
אַז משיח־צדקנו זאָל קומען גיך
און דערלייזן זיין פֿאָלק פֿון פּײַן.

און די גאַנצע וועלט, די גאַנצע וועלט
זאָל אויך שוין ווערן דערלייזט.
דאָס רישעות זאָל ווי אַ חלום אַוועק
און ס׳זאָל קיינער נישט טון מער קיין בייז.״

* ישראל — דער ייד; די רוצחים — כמעלניצקיס חיילות דער אייגענער ברודער — שבתי צבי

דאָס הויזגעזינד איז אים נאָכגעגאַן
מיט די אויגן ביז העט ווײַט,
און געדאַנקט דעם אייבערשטן, וואָס דער בעש״ט
איז געקומען פּונקט צו דער צײַט...

די נשמה טוט מיר וויי

כ׳האָב שוין אַזוי פֿיל צרות אויסגעליטן,
און הײַנט נאָך האַלטן זיי מיך ווי׳ן אַ צאַם
איז אויב מײַן האַרץ האָט אַלץ נאָך נישט געלאָפּנעט,
האָב איך אַ האַרץ פֿון אײַזן מן־הסתּם.

איז ווי זשע קען אַ האַרץ פֿון אײַזן וויי טון?
אַן אײַזנשטיק פֿאַרמאָגט אַן אָטעם דען?
איך פֿיל דאָך אָבער פֿאָרט, ווי עפּעס שנײַדט מיך —
און ווען וועט דאָרט דער שניט זיך היילן, ווען?

איך טערפּע, איך פֿאַרבײַס ביז בלוט די ליפּן.
כ׳וועל איבערטראָגן — וואָס סע זאָל נישט זײַן.
ביז איך וועל פֿאַלן ערגעץ אין אַ וואַלד ווו
אַ דורכגעלעכערטער פֿון פֿײַלן פּײַן.

מיך עקבערט אָבער אַלץ: וואָס שנײַדט דאָרט אין מיר,
ווי ס׳זאָלן דאָרט זיך שלאָגן מעסערס צוויי?
אַז נישט דאָס האַרץ פֿון אײַזן — איז נישט אַנדערש,
נאָר די נשמה טוט מיר דאָרטן וויי.

צוויי תפֿילות

א.)

די קרוין פֿון שטילקייט,
וואָס דו האָסט זי מיר אָנגעטון
אין דייַן גרויס גענאָד,
ווען כ׳בין געווען נאָך גאָר אַ ייִנגל,
טראָג איך מיט גערנקייט.

כּוח גיב מיר,
צו קענען טראָגן גרינג
דעם עול פֿון פֿאַרשעמטקייט,
וואָס לייַטן האָבן מיר אים אַרויפֿגעטון
אויפֿן האַלדז.

און זאָל נישט אויסוועפּן פֿון אויף מייַן קאָפּ
דער בוימל פֿון בענקשאַפֿט,
וואָס דו האָסט מיך דערמיט געבענטשט.

איך קען נישט דערלאַנגען
צו צידקות.
לאָז מיך ציִען זיך צון איר
און צון איר בענקען
אַלע מייַנע טעג.

ב.

מיך מייַדט דער שלאָף דורך די נעכט,
צוליב דער בידע פֿון מייַנע געליטענע ברידער,
צוליב דער דערשלאָגנקייט פֿון דער וועלט,
וואָס דו האָסט זי געלאָזט אויף הפֿקר —
אייביק צו וואָגלען
אין דייַנע אין־סופֿן.

צו וועמען מעג זי איצט האָפֿן?

לאָז מיך זייַן דער קרבן־עולה,
וואָס זאָל אויסלייזן פֿון בידע
אַלע דערשלאָגענע מידע.

צו אַ פֿייגעלע אָן פֿליגל

פֿריער, שפּעטער וועלן מיך די ווערעם עסן,
טאַקע ממש ביזן ביין,
אָבער טראַכטן וועל איך אַלץ פֿון דיר פֿונדעסן:
איך האָב דיך געלאָזט אַליין.

ביסט אַ פֿייגעלע אָן פֿליגל, קענסט נישט פֿליִען —
ליגסטו שטילער נאָך פֿון שטיל,
און אַרום דייַן איין־אַליינקייט קעלטן ציִען
אי מטורף און אי ווילד.

רישעותדיקע טייַכן פֿלייצן אין דייַן שכנות,
און זיי האָבן נישט קיין ברעג.
ווּעסט צו וועמען קומען דייַן געוויין צו ווייַנען
אין דייַן אומעט און דייַן שרעק — ?

אַ דאַנק

נושׂאי־המיטה, יאָגט זיך נישט —
איך וועל נישט אַנטלויפֿן.
זאָגט מיר נאָך איין גוטן שבח,
אויף אַ גוטן אופֿן.

זאָגט מיר נאָך אויף עבֿרי־טײַטש,
נישט אויף לשון־לצים:
״ר׳האָט צום תּקיף זיך געבוקט
מיט דער אונטער־פּלייצע...״

מער קיין שבֿחים דאַרף איך נישט,
ווײַל מײַן גאַנץ עניוות
ליגט אין מײַנע ביכער ליד
און אין מײַנע בריוון.

מײַנע מעלות צענדליקער
זאָלט איר נישט דערמאָנען —
אין אַן איינציק הספּד
קען מען דאָס נישט קאָנען.

סײַדנס נעמט און אַראַנזשירט
גאַנצע זעקס הספּדים —
כ׳על שוין אָבער דעמאָלט זײַן
בײַ די עלטער־זיידעס.

ווײַל איך נישט מטריח זײַן
מײַנע טויזנט לייענערס
צון אַ הספּד־סעמינאַר
נאָך אַ מת נאָר איינעם.

זאָלן זיי בײַ זיך אין שטוב
זיך געמיטלעך זיצן,
און נישט הערן מײַנע טריט
אויף די פֿינגערשפּיצן.

בײַ מײַן לעבן — אויף די הענט
פֿלעגן זיי מיך טראָגן,
וויל איך איצטער, נאָך מײַן טויט,
זיי "א דאַנק אײַך" זאָגן.

דער מענטש, דער נאַר

דער הימל איז אַ ציפּערבלאַט,
די זון און די לבֿנה — זײַנע ווײַזערס.
מסתּם האָט גאָט אין זין געהאַט,
מע זאָל זיי זען אין דרויסן, פֿאַר די הײַזער.

איז וואָס זשע טוט דער מענטש, דער נאַר?
כ'זאָל אַזוי זײַן געזונט ווי'ר מוזט מיך הערן:
די זון פֿאַרנעפּלט ער מיט זשאַר,
מיט גאַסלעמפּ — די לבֿנה און די שטערן.

מיטן מילבן־מוחל

די נאַכט איז אויף זעכציק מאָל זעכציק זילבערנע זיגלען
פֿאַרזיגלט.
אויב עמעצער גלייבט מיר נישט — מילא, איז נישט כ׳על
מיך מיט אים נישט קריגן.

מיך אַרט נישט, זאָל עמעצער קומען און זאָגן, אַז כ׳זאָג
נישט דעם אמת.
מיט וויסנשאַפֿט איז ער אַליין נאָר באַרעכטיקט זיך
איבערצונעמען.

כ׳וועל אין אויער אים אײַנרוימען, אַז ר׳איז אַ לעקיש, אַ
גרויסער אַפֿילו,
דערצו נאָך ווייסט ער נישט, אַז ער ווייסט, נעבעך,
גאָרנישט, מחילה.

וואָס טויג די אַסטראָנאָמיע? מ׳האָט מיט איר שוין
אָנגעפֿילט פֿעסער.
איז טויזנט מאָל זעכציק מאָל זיבעציק זילבערנע זיגלען
שוין בעסער?

די שטאַרקסטע און גרעסטע שפּאַקטיוון — זיי זענען דאָך
אַלץ נאָר אַ שפּילכל,
זיי ווײַזן סײַ ווי נישט אַ גאָרנישט. די פֿרומע מחשבה איז
בילכער.

אר־וואַ, די וויסנשאַפֿט, וואָס מ׳האָט אין ביבליאָטעקן
געזאַמלט!
ס׳איז אפֿשר גלײַכער צו רעדן דערפֿון אין גראַמען,
געשטאַמלט.

נישטאָ גאָר קיין ברעג צו דער חכמה, ווי גאָט האָט אַלץ
באַשאַפֿן —
דו, מענטש מיטן מילבן־מוחל, ווילסט עס פֿאַרשטיין —
חוץ נאָר גאַפֿן?

דער חלום־פֿויגל

וואָס חלומט זיך אַן אָרעמאַן,
וואָס פֿליט איבער די הײַזער?
דאָס מזל זאָל אַ שמייכל טון
און עפּעס גוטס באַווײַזן?

איך זיץ און קלער אין תּוך אַרײַן —
איך וויל עפּעס באַקלערן —
איז פּלוצעם, הערט איר, הייבט מיר אָן
אין ד׳אויגן ליכטיק ווערן —

אַ בוים וואַקסט אויס אין מיטן שטוב,
מיט עפּל און מאַראַנצן —
מיך גיט אַ צי, איך נעם אים אָן
אוןביידע גיי׳מיר טאַנצן.

מיר טאַנצן ווי פֿאַרנאַרטע צוויי,
דאָס בלוט אין מיר פֿאַרגייט זיך —
און ווו געווען אַ טויבע וואַנט,
אַ גרינע לאָנקע שפּרייט זיך.

אַ לאָנקע מיט צוויי ברונעמער
און ליכטיקע צוויי זונען —
דאָס מזל, וואָס האָט מיך געמײַדט,
האָט דאַכט זיך, מיך געפֿונען...

גענאַר מיך נישט, פֿאַרשעם מיך נישט,
דו, שיינער חלום־פֿויגל —
דו קומסט און בלענדסט און דו פֿאַרשווינדסט,
אַט ווי אַ רעגן־בויגן...

נאַ דיר, ליובע

נאַ דיר, ליובע, מײַנע ביכער,
אַלע מײַנע לידער —
און גיי אום איבער די הײַזער,
צווישן מײַנע ברידער —

קיינעם זאָלסטו נישט פֿאַרפֿעלן,
היפּער נישט קיין טירן —
און זאָלסט בעטן מיט אַ כּוח,
וואָס זאָל שטיינער רירן:

"וויפֿל דאַרפֿן ביכער פֿוילן
אין דער קעלער־פֿינצטער?
נעמט זיי אײַך — און כ׳בין אײַך מוחל
אויך דעם גראָשן מינדסטן.

וויפֿל, מאָלט אײַך, קענען סטײַען
אויבעט פֿופֿציק גראָשן
פֿאַר אַן אַרבעט, ווו אַ לעבן
האָט זיך אויסגעלאָשן — ?

נישט געדאַרפֿט בײַ אָט דער אַרבעט
פּטרן די יאָרן
און זיך, מער ווי קלעמענישן,
גאָרנישט אָפּצושפּאָרן."

מע׳ט זיך, ליובע, וואַרפֿן אויף דיר —
כאַפּן הענדום־פּענדום
מײַנע ביכער, מײַנע אַלע,
פֿון די שיינע הענט דיר.

זאָלסטו אַלעמען באַדאַנקען,
ווי סע שיקט זיך טאַקע,
נאָר די כּל־המינים שׂונאים
מײַנע — גיב אַ מכּה.

אַז זי פֿלעג אַריבער אונדזער שוועל

(פֿראַדל)

אַז זי פֿלעג אַריבער אונדזער שוועל,
פֿלעג אין אַלע ווינקלען ליכטיק ווערן.
וואָס איך זאָג, איז אמת איטלעכס וואָרט —
ביי אַ ספֿר־תּורה קען איך שווערן.

אַז זי פֿלעג אַריבער אונדזער שוועל —
אירע טריט מ'האָט קוים געקענט דערהערן —
האָט מען באַלד געוווּסט, אַז זי איז דאָ,
ס'פֿלעג אין אַלע ווינקלען ליכטיק ווערן.

זי פֿלעג קומען פֿון אַ ווייַטער שטאָט
איין מאָל דורכן יאָר, אַ מאָל אויך מערער,
און אַ זיסע, ווייסטע בענקעניש
האָט נישט אויפֿגעהערט אין מיר צו יערן.

ס'פֿלעג געוויינטלעך זייַן אין מיטן טאָג,
ווען אין הימל ווייַזט זיך נישט קיין שטערן,
נאָר די שטילע טונקל אין דער שטוב
פֿלעג אַ ציטער טון און ליכטיק ווערן.

זי איז מיר קיין מאַמע נישט געווען,
נאָר, אַז איך אַליין זאָל אויך נישט הערן,
פֿלעג איך שעפּטשען "מאַמע", און געפֿילט,
אַז דאָס האַרץ ט'אין מיר צעריסן ווערן.

זי האָט אויסגעשפּרייט אַ וואַרעם ליכט,
ווו זי פֿלעג זיך ווענדן און זיך קערן.
כ'האָב דערפֿילט, ווי פֿליגל וואַקסן מיר
פֿון איר קול, און ס'קוואַלן אין מיר טרערן.

און די פֿליגל טראָגן מיך נאָך איצט
איבער שעהען ביטערע און שווערע,
און מיך קילט נאָך אין מייַן ווייסטעניש
יענער קוואַל פֿון מייַנע ריינסטע טרערן.

דער קוטשעראַווער בוים

אוי־וויי, דער קוטשעראַווער בוים איז מער נישטאָ,
וואָס יאָרן צענדליקער געשטאַנען בײַ מײַן טויער.
ר׳האָט ווי אַ סוכּה דורכגעלאָזט די הימלבלאָ,
און סאַראַ סודות ער האָט אויסגעזאָגט אין אויער.

גאַנץ פֿרי, די פֿייגעלעך — ווי האָבן זיי געהערט,
אַז גראָד צו יענעם בוים האָט מיך אַזוי געצויגן?
איך האָב געזען, זיי קלויבן זיך, און שטילער ווערט —
און ווי זיי זאָלן קוקן שטיל אַרײַן אין מײַנע אויגן.

און באַלד דערזעען זיי, אַז עפּעס טוט מיר וויי,
און הייבן טאַקע תּיכּף אָן צו טשיריטשירען —
אַ דיריגענט און אַ באַטאָן — וואָס טויג עס זיי?
דער גרעסטעסטער מאַיעסטראָ קומט זיי דיריגירן.

איך האָב בײַ אים, חלילה, גאָרנישט נישט געמאָנט.
בײַ ביימער מאָן איך נישט, און אויכעט נישט בײַ פֿייגל, —
איז די געטרײַשאַפֿט זייערע מיר טאָפּל נאָענט,
מײַן האַרץ וועט אייביק זיך צו זיי אין דאַנקשאַפט בייגן.

און פּלוצעם... אין אַ מיטן טאָג איז דאָס געשען —
איז אָנגעקומען פֿון עק וועלט אַ ווילדער וויכער?
צוויי העקערס? ניין, קיין העקערס האָט מען נישט געזען,
דער בוים האָט נאָר פֿון ווײַט דערזען, ווי עפּעס קריכט
דאָרט.

אַ פּיצל מענטשל, מיט אַ רענצעלע אין האַנט
אַ ווילד פֿאַרזעעניש, אַ שטראָף פֿון גאָט, אַ מפּיל —
גיי ווייס, אַז דאָס־אָט־אָ רעגירט אין וועלדערלאַנד.
דער בוים פֿאַרקוקט זיך ווײַט און נישט ער גיט אַ צאַפּל.

דאָס רענצל איז אַ קליינס, אָט ווי אַ דאָקטער האָט,
אַ דאָקטער, אָבער, קומט און היילט, און דער קומט עקן,
און פֿריִער הייבט ער אויף אַ האַנט און לעסטערט גאָט.
ער דאַרף זיך נישט פֿאַר גאָט און נישט פֿאַר מענטשן
שרעקן.

ער גייט נישט מיט קיין האַק אַרום אין וועלדערלאַנד,
דיביימער כליפּען נישט און בעטן נישט בײַם העקער.
ער גייט אַרום און פּײַפּט זיך צו, אָט ווי אַ פּראַנט,
און צלמט, וועלכער בוים סע זאָל זיך פּריִער עקן.

מ׳האָט נישט געזען קיין איינציקן געשוווּנג פֿון הענט.
קיין שפּענער נישט געווען, קיין זעגעכץ נישט געפלויגן.
דאָס רענצלעך ט׳ער געעפנט — האָט געטון אַ בלענד,
אַז אַזש דער בוים האָט זיך פֿון שרעק אַוועקגעבויגן.

און דאָס פֿאַרזעעניש ט׳געעפֿנט אַ שטילעט,
און האָט אַליין גענומען מיט די ציינער קריצן,
געמאַכט אַ צלם אויף דער קאָרע, מיט געשפּעט —
און ס׳האָט דעם בוים אַ שניט געטון ווי זיבן בליצן.

דער קאַט האָט דורכגעזעגט דעם בוים דאָס לײַב, אָן שווייס.
אין ווינציקער ווי אין אַ רגע אים פֿאַרדאָרבן.
וויי־וויי, וואָס אַ פֿאַרזעעניש קען אָנטון בייזס!
אַ פּיצל מענטשל, און אַ בוים, אַ דעמב — זײַן קרבן.

עך פּעלד

עך פּעלד און אָנהייב וואַלד —
אַ צווילונג, בערגלעך צוויי.
דער הימל האָט זיי ליב,
די ווינטלעך צערטלען זיי.

און איטלעכן פֿאַרנאַכט
פֿאַרבלאָנדזשעט ווער צו זיי.
מע הערט אַ שטיל געכליפּ,
אַ יאָמער אָן געשריי.

שטייט אין טאָל אַן אַלטע מיל

שטייט אין טאָל אַן אַלטע מיל,
וויין איך דאָרטן אין דער שטיל
שטייען דאָרטן ווערבעס צוויי,
וויין איך אויס מייַן האַרץ פֿאַר זיי.

ערגעץ ווייַט, אין שניי און קעלט,
ערגעץ ווייס איך ווו, עק וועלט,
ערגעץ ווייַט, אין קעלט און שניי
איז געפֿאַלן מייַן אַנדריי.

האָט זייַן האַרץ זיך אָפּגעשטעלט
ערגעץ אויף אַ וויסטן פֿעלד,
ערגעץ ווייַט, אין קעלט און שניי —
אוי, ס'איז ווינד מיר, אוי, ס'איז וויי.



אַ פֿאַרטראַכטע שיף

קוים צו הערן שווים איך צו
צון אַ ברעג פֿון מײַן זכּרון — — —
שטייט אַ כאַטע אין אַ טאָל,
נאָך פֿון מײַנע יונגע יאָרן.

איך דערקען די כאַטע באַלד,
און די סטעזשקע די געדרייטע,
און די נידעריקע טיר
מיט דער פּריזבע, מיט דער ברייטער.

עמעץ עפֿנט מיר די טיר,
מערנישט ווי אויף אַ שפּאַרונע —
זע נאָר, שוין אַזוי פֿיל יאָר,
און איך האָב דיך פֿאָרט געפֿונען.

און איך בין אַ גוטער גאַסט,
און די טיר האָט באַלד פֿאַרמאַכט זיך.
דער זכּרון איז אַ ים
פֿול מיט שיפֿן, מיט פֿאַרטראַכטע.

שפּעטזומער־לאַנדשאַפֿט

די סטויגן האָט מען אײַנגעשײַערט.
די ערד איז אָפּגעדעקט, אַנטבלויזט.
דאָס פֿעלד בעט בײַ דער הייך : פֿאַרדעק מיך,
ווײַל מײַן באַדרענגעניש איז גרויס.

די נאַכט קומט, נידערן די שטערן
און קוקן אויפֿן פֿעלד, אָן בייז.
דאָס פֿעלד בעט בײַ דער הייך : פֿאַרהיל מיך,
פֿון מײַן פֿאַרשעמונג מיך דערלייז.

די שטערן פֿינטלען : דו ביסט איצטער,
אויך אָן די הייען, שיין און ריין.
דאָס אָפּגעדעקטע פֿעלד פֿאַרשעמט זיך
און קען עס אַזש נישט איבערשטיין.

און נאַכט בײַ נאַכט די שטערן פֿינטלען :
קיין בייזקייט מיינען מיר דאָך נישט.
דאָס פֿעלד, דאָס אָפּגעדעקטע, בעט זיך :
זעט, הייכן, מײַן באַדרענגעניש.

דערנאָך, נאָך עטלעכע מעת־לעתן,
אַ ווינט אַראָפּ איז פֿון דער ווײַט
און מיטגעזוויגעט פֿלאַכטעס נעפּל
און אײַנגעהילט די מערב־זײַט.

פֿון מערב־זײַט האָט זיך דער נעפּל
ווי ווייכע קאָלדערעס געשפּרייט
די פֿעלדער אויף די שיינע גלידער
און זייער שטילער נאַקעטקייט.

מיט די ווינטלעך דינע

מיט די ווינטלעך דינע,
מיט די גראָזן שטילע
שיק איך דיר אַ גרוס, אַ תּפֿילה.

ווײַ, שוין וויפֿל יאָרן,
ווײַ, שוין וויפֿל זונען —
כ׳האָב קיין רו נאָך נישט געפֿונען.

וויפֿל כ׳זאָל נישט בלאָנדזשען,
וויפֿל כ׳זאָל נישט וואָגלען —
טראָג איך בענקשאַפֿט פֿולע לאָגלען.

כ׳וועל אַ מאָל דערקומען
און איך וועל מיט טרויער
בלײַבן רוען בײַ דײַן טויער.

זומער 1982 אין דאָרף

דאָס דאָרף באַגעגנט מיך
מיט לעבעדיקע פֿאָנען, גרינע.
דער אַלטער — ווי געווען,
און אויך די פֿינעף זײַנע זינען.

שוין יאָרן זיבן, אַכט —
און ער איז אַלץ נאָך אַכט און אַכציק.
נו, ייִנגער ווערט ער נישט,
נאָר אָבער אויך נישט עלטער, דאַכט זיך.

די טעכטער — שוין פֿאַרזאָרגט,
די זינען — שוין פֿאַר זיך, סע דרייט זיך.
פֿאַראַן שוין אייניקלעך,
און די משפּחה וואַקסט און פֿרייט זיך.

איך קום שוין דאָ אַהער
אַריבער פֿינעף צענדליק יאָרן.
אויף זיך דערקענט מען נישט,
אַז מ'איז שוין אויך היפּש ווייַט פֿאַרפֿאָרן.

איך פֿרעג דעם אַלטיטשקן:
„נו, וויפֿל אייניקלעך פֿאַרמאָגט איר?
צעשמייכלט ער זיך טיף:
„אַ פֿופֿצן, זעכצן, דאַכט זיך" — זאָגט ער.

איך גיי אַרייַן אין שטוב,
איך רעכן איטלעכס קינד באַזונדער —
איז קומט בייַ מיר אַרויס
אַ פֿערטעלע, אַ גאַנצס, פֿון הונדערט.

איז זאָג איך אים: „מעסיע
בלאָנדען, ליבהאַרצעדיקער פעטער —
איר קענט נישט רעכענען..."
צעשמייכלט ער זיך טיף: „פּעט עטרע."

נאָר איצט איז שטיל אין דאָרף,
נישטאָ דער נעכטיקער געטומל,
די פֿעלדאַרבעט, די קו,
און אַלץ, וואָס ס'האָט געקערט צום רומל.

געווען אַ מאָל אַ פֿעלד,
און פֿולע שייַערן מיט הייען,
חזירים, קי און פֿערד —
נאָר הייַנט איז דאָך שוין אַכציק צווייען.

אַ פֿעלד מיט כּל־הגוטס,
און פֿלעג זיך שפּרייטן און זיך ציִען,
און מ׳האָט געאַרבעט גוט,
זינט ס׳האָט דער טאָג גענומען פֿריִען.

און בײַ דער שטוב אַליין —
אַ שטאַל מיט אפֿשר הונדערט הינער,
און האַרט בײַם הויז — אַ פֿעלד
מיט כּלערליי געוויקסן גרינע.

איצט פֿלאַנצט מען נישט קיין גרינס,
מע קויפֿט הײַנט אַלצדינג אין די קראָמען:
פֿון אוגערקעס און קריפּ
ביז חודש־רעטעכלעך און שוואָמען.

ווער דאַרף די פֿעלדער, ווער
און שטיין און אַרבעטן גאָטס שעהען?
פֿאַבריקן זענען דאָ —
די גרויסע שטאָט קומט צו ביז נאָענט.

די אַרבעט אין פֿאַבריק
איז גרינגער, און זי צאָלט זיך בעסער.
נאָך בעסער — הײַזערבוי
און פֿירן סמאָלע אין די פֿעסער.

ווער דאַרף די פֿעלדער, ווער,
מיט טריקעניש, מיט צו פֿיל רעגן?
מע אַרבעט אויף דער שעה —
בײַ דינאַמיט, בײַ לייגן וועגן.

אַ כּלל, מע וויל נישט מער
פֿאַרקויפֿט זײַן צו דער ערד איר דינען.
אַ ״דזשאַב״ איז זיכערער,
און מ׳קען דאָ מערער געלט פֿאַרדינען.

אַזוי די פֿינעף זין,
אַזוי די איידעמס אויך אַפֿילו.
די פֿעלדער ליגן שטיל —
אַ צווינטער, דאַכט זיך, ליגט נישט שטילער.

די פֿעלדער פּוסטעווען,
די ערד ווערט שטייניקער און האַרטער.
מע זאָגט "די מאַמע ערד" —
ס'איז וואָר, זי וויינט: "קומט, בענטשט די טראַכט מיר."

אין שייַער זשאַווערן
דער רידל און דאָס אַקער־אייַזן.
דער קאָפּ ליגט שוין נישט דאָ,
נאָר ערגעץ דאָרט, בייַם בוי פֿון הייַזער.

די מיידלעך, אייניקלעך, —
אַוועק אין שטאָט: מע אַרבעט, לערנט,
און יעדן חודש, צוויי,
באַווייַזט מען זיך, און מ'איז זיי גערן.

מע רייכערט שוין געשמאַק,
מ'איז אָנגעשמינקט, און נאָר מע קייַעט
אַ גומע־צוקערל —
ס'איז נישט צו שלינגען, נישט צו שפּייַען.

מ'איז צוגעלייגט און בלייך,
מע קומט אַהיים, ווייַל עפּעס בענקט זיך,
נאָר ס'ציט זיי באַלד צוריק —
פֿון מאָנאָטאָנקייט און פֿון ענגשאַפֿט.

און איינע איז אַוועק,
געוואָרן יעזוסעס אַ כּלה —
אַ יונג האָט זי גענאַרט,
האָט זי געזאָגט: "סע נאַרן אַלע".

זי שרײַבט אַ מאָל אַהיים,
און ענדיקט תּמיד מיט די ווערטער:
"אָ, האַר, דערבאַרעם זיך
אויף אונדז, אויף דײַנע זין און טעכטער.

איין זון איז יאָרן לאַנג
געלאָפֿן מיט אַ פּוס צום גלח.
דער גלח גיט אַ גלעט —
פֿאַרשווינדט דער מיחוש — מיטן דאָלער.

וואָס קומט אַרויס? דער זון
ליגט איצט געבויגן און אָן כּוחות.
די פּלייצע איז געלאַמט,
קיין צען דאָקטוירים העלפֿן אויך נישט.

ר׳איז שוין געווען באַווײַבט,
געהאַט זיך אויסגעבויט אַ דירה —
מיט זיבן שיינע שטיב —
אַ באַלעבאַטישקייט צו פֿירן.

דאָס ווײַב האָט אים געזאָגט:
"מיר וועלן האָבן פֿינעף קינדער.
נאָר ז׳האָט אים אָפּגענאַרט.
איצט זעט ער, ר׳איז געווען אַ בלינדער.

צוויי חודש אָפּגעווווינט —
איז איר דאָס דאָרף געוואָרן נודנע.
זי קומט פֿון לעבן שטאָט —
דאָס לעבן דאָ איז קאַלעמוטנע.

איז זי אַוועק אַהיים.
זי האָט געפֿילט: זי ווערט דערשטיקט דאָ.
איז אויס. מע זעט זיך נישט.
(מע גט זיך נישט בײַ קאַטאָליקן.)

סטראַשונקעס העלפֿן נישט,
מע מעג זי בינדן און זי שלאָגן.
זי וועט אַוועק צום טײַך
ווען ס׳הייבט קוים אָן אין דרויסן טאָגן.

דאָס הויז האָט מען פֿאַרקויפֿט
צו עפּעס שטעטישע בעל־גאווהס —
מע קומט אַרויס סוף וואָך,
אַנטרינען פֿונעם שטאָט־געהאַווע.

איז שפּילט מען האַלבע נעכט
אין קאָרטן און אין שטוב רולעטן,
און מע פֿאַרשלאָפֿט די טעג
אין דרויסן - שאָטן, אין די בעטן.

די בײַטונג אייביקע
ט׳זיך דאָ נישט בײַטן, דאַכט זיך, קיין מאָל.
דער פֿייגלכאָר, דער טײַך,
די ווינטלעך דורך די ברעזעביימער.

דאָס עלטערט זיך דאָך נישט,
דאָס האַלט זיך נאָר אין איין באַנײַען,
און בלויז דער מענטש אַליין
ווי אין אַ תּפֿיסה ליגט פֿאַרטײַעט.

ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפֿן

(פֿאַר מײַנע אייניקלעך)

אין טיפֿן טײַך אין טאָל
איז שטיל אַרײַן די שקיעה.
די כוואַליעס צאַפּלען זיך,
ווי ס'זאָל זיי ערגעץ ציִען.

אַ סוויטע וואָלקנדלעך
איז נאָך איר נאָכגעפֿלויגן —
אַ סטאַדע לעמעלעך,
געמאָסטן און געוווּיגן.

אַוועק אַ שעה, און צוויי —
ווּ קען זי זײַן, די סטאַדע?
זי טרענקט זיך אינעם טײַך
און וואַרט אויף הילף אַוודאי.

איז באַלד אַרויס אַ וואָרט
צו אַלע גוטע שטערן:
"אַראָפּ צום טיפֿן טײַך —
און דאָרט לאַמטערנס ווערן —

און לאָזן זיך אין טײַך
די וואָלקנדלעך געפֿינען —
אַ וועלט אָן וואָלקנדלעך
האָט פּשוט נישט קיין זינען!"

אויף מאָרגן צו באַגין —
אַ ווינטל קומט געלאָפֿן:
"שוין דאָ די וואָלקנדלעך —
ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפֿן..."

אם ירצה השם

איז וואָס, אַז מע טרינקט אַ גלעזל טיי
פֿון אַן אַלט, אָנהעגטלדיק טעפּל?
נאָר דער מום זײַנער, נעבעך, דער ביטערער מום,
האָט פֿון תּמיד אָן מיך געטשעפּעט.

ווי אַזוי קען דאָס אומגליק דיר האָבן געשען —
פֿאַרלירן אַ הענטל, אַן אײנציקס!
פֿאַרלירן אַן אויג איז דאָך אויך ביטער שלעכט —
איז דאָ כאָטש אַ צווייטס, מע געוויינט זיך.

שוין לאַנג האָט די באַלעבאָסטע געוואָלט
דיך אָננעמען פּשוט בײַם בײַכל —
און גיבן דיך פּשוט אַ וואָרף אַרויס
אין מיסט, וואָס מע דאַרף עס ווײַבן.

האָב איך געזאָגט: מע טאָר עס נישט!
ס׳איז דאָך אַ גאָטס רחמנות.
צון אים טאַקע קען עס נאָך קומען צו גיין,
און ווײנען, יושר מאָנען:

„אַ לעבן, אַ גאַנצס, געטרײַ געדינט,
און מ׳האָט מיך דערצו נאָך פֿאַרקריפּלט —
איצט וואַרפֿט מען מיך אין מיסט אַרויס?!" —
אַזוי וועט דאָס טעפּעלע כליפּען.

און ס׳וועט אַוודאי זײַן גערעכט,
וואָס ס׳קען נישט זײַן מער גערעכטער.
אַ טעפּל, אַן אָנהעגטלדיקס,
איז גאָרנישט קיין געלעבטער.

צום טעפל אַליין גיב איך אויך אַ ווונק:
געדענק דעם חסד מייַנעם,
און איבער הונדערט צוואַנציק יאָר
נישט האָב צו מיר קיין טענה.

וואָס ס׳קען מיט דיר דערנאָכדעם זייַן,
איז שוין נישט מייַן אַחריות —
איצט בעט איך דיך אַ קלייניקייט,
נאָר זאָלסט עס גוט צעקייַען.

ווו וועסטו זייַן אין טויזנט יאָר,
צי׳ן עטלעכע מיליאָנען,
צי גאָר — פֿאַראַן אַ וואָרט, אַ שיינס —
און עטלעכע עאָנען?

לאַיבוד גייט דאָך גאָרנישט נישט,
נישט חומר און נישט כּוח —
דאָס האָט אַ פֿילאָסאָף באַקלערט,
ס׳איז נישט פֿאַר אונדזער מוח.

דאָס הייסט, אַז אַלצדינג בייַט זיך נאָר,
סע האַלט זיך אין איין בייַטן.
נישט נאָר די צייַט איז אייביקדיק,
נאָר אויך דאָס מינדסטע הייַטל.

קענסט ווערן טויזנט זאַבענעס,
נאָר בלייַבן וועסטו בלייַבן —
מע שרייַבט דערוועגן גאַנצע ביך,
מע קען אויך לידער שרייַבן.

איז וואָס זשע וויל איך איצט פֿון דיר?
(זייַ מוחל מייַן דעגרעסיע —)
אַז אויך נאָך הונדערט טויזנט יאָר
זאָלסטו מיך נישט פֿאַרגעסן.

װעסט זײַן — איך װײס נישט, װאָס דו׳סט זײַן,
נאָר װאָס סע זאָל נישט טרעפֿן,
זאָלסטו דיך שטעלן הינטער מיר
און זאָלסט מיך איבערפֿלעפֿן.

און דעמאָלט, אױב מיר׳ן װידער זײַן,
נאָך הונדערטער מעטאַמאָרפֿאָזעס,
אַ מענטשעלע — איך, און אַ טעפּעלע — דו,
װעל איך דיך אַלץ נישט פֿאַרלאָזן.

דערװײַל אָבער נעם איך מיך מיט דיר אױס —
אַ סוד צװישן אונדז זאָל עס בלײַבן —
דערפֿאַר װעל איך דעמאָלט, אם־ירצה־השם,
אַ ליד װעגן אונדז ביידן שרײַבן.

מסתּמא

ער׳ט מסתּמא קומען מיך באַלײטן,
אפֿשר לאָזן צװײ דרײַ טרערן אױבעט —
װעל איך עפֿענען אַ ברעט אין אָרון,
און צון אים אַ װוּנק טון: זײַ זשע מוחל.

װעט ער זיך צו מיר אַריבערבײגן —
װעל איך אים אַ שפּײַ טון אין דער מראה.
כ׳װעל אים זאָגן: דו פֿאַרװאַשן נפֿש —
און איך װעל פֿאַרשװינדן אין אַ כמאַרע.

אַ צווײַג

אַ צווײַג, אַ נישט דערקוילעטער,
דער שניט צו דער הייך,
דער קאָפּ בײַ דער ערד.

זאָל זען דעם שניט די בלאָע הייך —
וועט עמעצער דערזען
מיט אַ האַרץ דערווייכט?

די פֿינגער זענען אויסגעדרייט,
די צעבראָכענע אָרעמס —
אין תּפֿילה געשפּרייט.

געוואָלט באַזינגען דעם חלל־רוים —
איצט האַלטן אים ניסים
בײַם שטאַם פֿונעם בוים.

די טשופּרינע ליגט אין אַ ריטשקע דערבײַ,
וואָס שפּיגלט דעם הימל —
גראָ ווי בלײַ.

אים רירן די רייד פֿון דאָרן און שפּאָן,
נאָר ווײַטע ווינטן
רירן אים אָן.

די פֿינגער — פֿאַרדרייטע, די אָרעמס — אין פּענט,
נאָר ס׳הערן נישט אויף זיך צו בעטן
די הענט.

די שטילקייט

די שטילקייט עפֿנט ברייט די אויגן
און הערט זיך אײַן אין זיך אַליין.
דער טאָג איז שוין אַוועקגעפֿלויגן,
נאָר ס׳הערט זיך נאָך אַ שטיל געוויין
פֿון דאָ נישט ווײַט.

אַ ליכטל בײַם פֿאַרלאָשן ווערן
צוקאָפּנס פֿון אַ קבֿר־שטיין
האָט זיך דערזען אין הימל שטערן,
וואָס קומט נאַכט אויס נאַכט אײַן צו גיין
אַהין פֿון ווײַט.

ווער ס׳האָט די שטערן אָנגעצונדן
מיט בוימל ריינער נאָך פֿון ריין —
וועט מיר פֿאַרהיילן מײַנע ווונדן
און וועט מיר גאַנץ מאַכן מײַן ביין.
ס׳איז שוין נישט ווײַט.

בוק דיך נישט צו קיין תּקיפים

"בוק דיך נישט צו קיין תּקיפים — "
האָט דער טאַטע מיך געלערנט.

כ'האָב פֿון אים געירשעט אוצרות,
וואָס ס'איז שווער זיי אָנצוטאַפּן,
וואָס מע זעט זיי נישט אַפֿילו,
נאָר — ס'איז זיי נישט אָנצוווערן.
זיי געפֿאַלדעוועט ווי זײַדוואַרג
און ווי איידל גאָלד־געפֿעדעם
און בײַ מיר אין האַרץ באַהאַלטן.
אַז דאָס ליכט זאָל דאָרט נישט אויסגיין.

איינע פֿון די שטילע פּערל,
וואָס ער האָט זיי מיר פֿאַרירשעט,
און זי ליגט אין מיר פֿאַרחתמעט
ווי אין אַ בורשטינען שקעטל,
איז "נישט בוקן זיך צום תּקיף".

איין מאָל — (גיי אַזוינס פֿאַרגעסן) —
האָט ער זיך צו מיר געוואָנדן,
צום מיזיניק זײַנעם, מאָשקע,
אין אַ שווערער רגע זײַנער —
(מײַנע עלטערע פֿיר ברידער

זענען שוין געהאַט פֿאַרפֿלויגן
קיין אַמעריקע און קאַנאַדע —)״
״שוחטות — כ׳דאַרף עס דיר דען זאָגן? —
טראָגט בדוחק אויף פּרנסה,
נאָר גריזאָטע, זעסטו, פֿעלט נישט.
ווו מע זייט אים נישט, דעם תּקיף,
וואַקסט ער אויס, זאַנאַדעט ער זיך,
טאַקע נאָר ווי אַ בוריענע,
און ער נעמט דערגיין די יאָרן.
איזן איז ער דאָך אַ גאָרנישט —
ווי זשע זאָל ער עפּעס ווערן?
נעמט ער רײַטן אויף אַ צווייטן,
און ער ווייַזט, אַז ער איז העכער...
זאָג איך: זײַ דיך נישט מכניע.
פֿאַר אַ בור, וואָס ווערט אַ תּקיף
און אַ שטײַפֿער רשע־הקהל.
כ׳וויל, דו זאָלסט נישט מיינען, אָבער,
אַז איך מיין אַן עם־האָרץ,
סתּם אַ ייִד, וואָס קען נישט לערנען.
חס־ושלום! ווייסטו דען נישט,
אַז רחמנא ליבא בעי — ?
אַ גוטהאַרציקער עם־האָרץ
איז בײַם אייבערשטן מער חשובֿ
ווי דער לערנער, וואָס ער בלאָזט זיך
מיט דער תּורה, וואָס ער לערנט.
ווּעמען טוט ער דאָ אַ טובה?
זיך אַליין און מער נישט קיינעם.
אחר מאה ועשרים שנה
וועט ער האָבן עולם־הבא.
אַ גוט האַרץ איז אָבער אַנדערש:
טוסט אויף גוטס, דו העלפֿסט אַ מענטשן.
קענסט קיין רישעות נישט פֿאַרלײַדן.
ווו נאָר רישעות, — פֿילסטו תּיכּף.

ווי זי בריט דיך אין די ביינער,
ממש אין די ביינער דײַנע,
כאָטש מע האָט נישט דיך אין זינען.

ווו זשע האַלטן מיר? ביים תּקיף.
זאָלסט אים מיידן, ווי אַן עיפּוש
איידער ענטפֿערן מיט עזות —
בעסער זײַ אַ תּם, שווייַג איבער.
בעסער עס דיך אָן מיט בושה,
איידער טון צוריק אַ רישעות.
דאָס אַליין וועט זײַן דײַן גבורה
אויף גערעכטע איבערשווייַגערס
קען ער נישט קיין שליטה האָבן.
און דער סוף? ס׳עט אין אים פּלאַצן
זײַן תּקיפות ווי אַ פּענכער,
און ער׳ט זיך אַליין פֿאַרשעמען
און אַנטלויפֿן אין זײַן בושה.
ווו די שוואַרצע פֿעפֿערס וואַקסן.

איין מינוט: כ׳בין נאָך נישט פֿאַרטיק:
זיך נישט בוקן צו קיין תּקיף
איז נאָך אָבער נישט דער עיקר —
צען מאָל גרעסער איז דאָס טיפּשות,
איז דער חטא, צו לאָזן יענעם —
אַז ער זאָל צו דיר זיך בוקן.
פֿאַלסט אַרײַן אין שאול־תּחתּיה,
ווי נאָר דו דערלאָזסט צום רעיון,
אַז אַ צווייטער, דײַנס אַ גלײַכן,
זאָל צו דיר זיך דאַרפֿן בוקן.
נעם עס גוט אַרײַן אין זינען.״

דאַכט זיך מיר, אַז פֿאַר תּקיפֿים,
און בכלל: פֿאַר פרומער רישעות,
קען דער אייבערשטער נישט היטן...

טרעפט אַ מאָל אַ צרת־נפש —

גיט אַ פֿלי פֿאַרבײַ די אויגן
איינע פֿון דעם טאַטנס פּערל,
וואָס ער האָט זיי מיר פֿאַרירשעט,
און זי ליגט אין מיר פֿאַרחתמעט
ווי אין אַ בורשטינען שקעטל:
״זיך נישט בוקן צו קיין תּקיף״ —
און איך עס מיך אָן מיט בושה,
איידער טון צוריק אַ רישעות.
כ׳בין אַ תּם און שווײַג אַלץ איבער,
איידער ענטפֿערן מיט עזות.

צוויי פֿייעס

אַ ווינטל האָט צעווירבלט זיך
אין זונענדיקע שנייען.
זיך צוגעהערט, האָב איך דערהערט:
סע ראַנגלען זיך צוויי פֿייעס.
זיך טיפֿער אײַנגעהערט — ערשט ניין.
זיי טאַנצן נאָר אין צווייען.
מע האַלדזט זיך אין געראַנגלעניש,
אַז ס׳מוז דאָס האַרץ דערפֿרייען.

די גלידער וויקלען זיך אין טאַנץ,
ווי לופֿטנדיקע שלאַנגען,

און איינס דאָס צווייטע דרינגט מען דורך,
ווי כּישופדיקע בלאַנקען.
אַ לײַכטער שאָטן יאָגט אונדז אָן
און האַלט אונדז ווי געפֿאַנגען,
און אין אַ תּפֿיסה גייען מיר
מיט לויבונג און געזאַנגען.

איך האָב מיך אומגעקוקט צו זיי,
זיך אײַנצוקוקן נענטער,
געוואָלט דערזען די פּנימער,
די צוויי אַוועקגעוווענדטע.
זיי האָבן מיר פֿאַרשטעלט דעם בליק
און האָבן שיין געבלענדט מיך,
און אין געגילדטע קייטעלעך
אַרײַנגעלייגט די הענט מיר.

כ'האָב נישט געגלייבט, אַז קייטעלעך
אַזוי זאָלן מיך בינדן —
און איין געשטאַלט איז באַלד אַוועק,
ווי אַ באַפֿרײַטע הינדין,
און איך האָב זיך אַ יאָג געטון,
כּדי איר נאָרצושווינדן —
נאָר כ'בין געבליבן איין אַליין,
אַ בלענדעניש־געבלינדטער.

אַ קאַטאָוועס

איין מאָל האָט זי אים פּאַצאַפּעט
מיט אַ צווייטער פֿרוי אין בעט —
האָט זי אַ געשריי געגעבן
און געכאַפּט איר פּיסטאָלעט,
און אים אַרײַנגעיאָגט אַ קויל גלײַך אין דער שלייף אַרײַן.

האָט ער נאָר אַ קרעכץ געגעבן,
און ער איז געווען פֿאַרביַי.
דאַנקען גאָט, ס׳איז נישט געקומען
צו קיין גרויס געשיסעריַי.

אין אַ וואָך אַרום, צי שפּעטער,
האָט דאָס אייגענע פּאַסירט
אויך מיט איר — ר׳האָט זי געטראָפֿן
ווי זי ליגט און גאַסטראָלירט
מיט אַ מאַן, און טאַקע אינעם אייגענעם בעט, ווו זי האָט
דאָ אַנומלט געהאַט פֿאַרטיק געמאַכט איר
ערשטן מאַן.

יענער ט׳נישט געקלערט קיין רגע
און — אַ כאַפּ זיך צום פּיסטויל,
און זיי ביידן דורכגעלעכערט
מיט איין קויל, איין גוטער קויל.

וואָס באַדאַרף מען זיך צו זידלען:
"וויַיבערניק!", "מכשפה!", "שוויַיג"!
צי מיט נאָך אַזעלכע ווערטער:
"דו כיצה־אַרגע!" "ביליק צייַג!"
איידער אַזאַ מיאוס לשון, איז שוין גליַיכער, אַז מע שיסט
זיך אויס איינס ס׳אַנדערע — און אַ סוף!

אָפּגעגאַרט אַ וועלט מיט מענטשן

כ׳בין מיך איצטער מודה ומתוודה
פֿאַר די צענער טויזנט לייענערס מייַנע:
כ׳שלאָף קיין גאַנצע נעכט נישט, טייל מאָל מערער,
ווייַל מיך מאַטערן חרטה־פּייַנען.

זינט מייַן ערשטלינגבוך, אין נייַנצן פֿערציק,
האָב איך נישט קיין איין נייַ ליד געשריבן.

איך בין מײַנע ערשטע — אַלטע — טעמעס
ביזקל הײַנט צו טאָג געטרײַ געבליבן.

ווידער פֿײגעלעך און ווידער ווינטלעך,
ווידער וואָלקנדלעך און ווידער שטערן —
און איך פּטר מײַנע נעבעך ב׳אַ ליכטל,
און איך גיס, ווי ס׳ליכטל, שטילע טרערן.

כ׳בעט בײַ גאָט דאָס אײגענע, וואָס דעמאָלט,
גאָרנישט ווינציקער און גאָרנישט מערער —
אפֿשר, ווײַל איך בוק מיך נישט אין דרײַען,
זעט ער מיך נישט, וויל ער מיך נישט הערן.

איך האָב נישט קײן אײן נײַ ליד געשריבן,
נאָר איך שרײַב וואַריאַציעס צו די אַלטע —
און איר, צענער טויזנט לײענערס מײַנע,
זעט נישט ווו די גניבֿה ליגט באַהאַלטן.

אָט דאָס עסט מיך טאַקע: ווײַל איך נאָר אײַך.
די חרטה שטעכט מיך ווי אַ דאָרן
ס׳איז שוין מער ווי פֿערציק יאָר דערינען,
און ס׳איז שוין פֿון מיר אַ תּל געוואָרן.

אַלע מײַנע ביכלעך פֿלעגט איר קויפֿן,
צענער טויזנט לײענערס מײַנע ליבע.
איך האָב אײַך געגעבן פֿאַלטשע סחורה,
און כ׳האָב אמת געלט פֿון אײַך געקליבן.

מע׳ט דערפֿאַר אויף יענער וועלט מיך טונקען
אין אַ קאָכעדיקן סמאָלע־קעסל.
איך האָב אָפּגענאַרט אַ וועלט מיט מענטשן —
ווי זשע זאָל מיר קומען עפּעס בעסערס?

ג.

פֿינצטערער פֿון פֿינצטער

אַ פֿינצטער לעבן אויף איר

געוואָלט אַרומנעמען די וועלט,
ווײַל כ׳האָב זי אמתדיק ליב —
האָט זי אויף מיר דערלאַנגט אַ קוק,
וואָס האָט מיך טיף באַטריבט.

געוואָלט זיך מיט איר האַלדזן שיין,
ווי אַ געטרײַע פּאָר,
האָט זי מיר אַ קלאַפּ געטון איבער די הענט,
און געריסן מיך בײַ די האָר.

גענענט זיך אָבער און ווידער אַ מאָל,
די ליפּן צון איר געשטרעקט —
האָט זי מיר דערלאַנגט אין די ריפּן אַרײַן
און איז זיך ערגעץ אַוועק.

האָב איך זי לאַנג אַרומגעזוכט,
כ׳האָב זי ליב געהאַט אמתדיק שיין —
האָט זי מיר באַפֿוילן: ״זוך מיך נישט —
כ׳על דיר צעהאַקן אַ ביין.״

זיך יאָ דערוווּסט, אַוווּ זי וווינט,
און געעפֿנט אַ שפּאַלט אין דער טיר —
דערזע איך: זי הורט מיט אַ גאַסניונג —
אַ פֿינצטער לעבן אויף איר.

תוהו־בוהו־חושך

וואָלקנפֿעסער פֿינצטערנישן.
חושך $\neq$ תוהו־בוהו.
וועט מען אַ ״יהי״ נאָך הערן
זען אַ זערנע זוהר?

רייַט ווער פֿון אין־סוף אַהער צו
און מיט רעדער־טומל —
עפּעס נאָך אין לעצטער רגע
ראַטעווען צו קומען?

אין אַ וויגל קייַכט אַן עופֿל,
רייַסט זיך נאָך דער מאַמען.
אַ מאַניאַק, וואָס איז מטורף,
גיט אים פֿלעשלעך סמען.

קוק נישט, גאָט, אין תורה־פּאַרמעט,
זוך נישט דאָרט קיין עצה.
באַלד ט׳דער תוהו־בוהו $\neq$ חושך
אויכעט דיך פֿאַרפֿלייצן.

דורך די שפּאַלטן־קומט ער שטיל און לינד

נישט קיין שוואַרצע וואָלקנס וועלן יאָגן.
און נישט בלאָזן, פּייַפן וועט קיין ווינט.
מע׳ט נישט וויסן, אַז ער איז געקומען —
דורך די שפּאַלטן קומט ער שטיל און לינד.

ער וועט נאָר אַ שוועב טון פֿאַר די אויגן,
ווי אַ שאַטנדל, וואָס סע פֿאַרשווינדט
איידער נאָך מ׳האָט עס דערזען אַפּילו.
דורך די שפּאַלטן קומט ער שטיל און לינד.

ער וועט אַלעמען אַ לייַכטן גלעט טון,
ווי מע גלעט אין שלאָף אַ פּיצל קינד,
נאָר מע וועט דערפֿון פֿאַרגליווערט ווערן.
דורך די שפּאַלטן קומט ער שטיל און לינד.

מע׳ט קיין ווייטיקן דערפֿון נישט פֿילן,
נישט דערשרעקן זיך פֿאַר בלוט, וואָס רינט.
ער איז נישט קיין מערדער מיט קיין מעסער.
דורך די שפּאַלטן קומט ער שטיל און לינד.

נישט סע וועלן פֿאַלן וואָלקנשטיינער,
מע׳ט אין פֿינצטערניש נישט ווערן בלינד,
און מע ווייסט נישט, אַז מ׳איז שוין פֿאַרגליווערט.
דורך די שפּאַלטן קומט ער שטיל און לינד.

וואָס אַרט עס דיך, מײַן קינד?

אין דרויסן וועט פֿלאַקערן דער שוועבלשטיין,
און אַלץ, וואָס לעבט, וועט אונטערגיין —
וואָס אַרט עס דיך, מײַן קינד?

דער וואַרגיקער סם וועט אין העלדזער אַרײַן.
נאָר קיין געשריי וועט פֿון קיינעם נישט זײַן —
וואָס אַרט עס דיך, מײַן קינד?

דער ווינט וועט כליפּען און שלוקערצן הויך —
ער וואַרפט זיך און וואַרגט זיך אין קאַלט־הייסן רויך —
וואָס אַרט עס דיך, מײַן קינד?

דער ריח פֿון פּגרים וועט איינס־צוויי פֿאַרגיין
אין ריח פֿון פֿלאַמיקן שוועבלשטיין —
וואָס אַרט עס דיך, מײַן קינד?

די שקיעה ט׳זײַן געל, אויך דער טאָגאויפֿגאַנג,
און אָן פֿייגל־געזאַנג, נאָר מיט שוועבל־געשטאַנק —
וואָס אַרט עס דיך, מײַן קינד?

סע דרייט זיך נאָר די וועלט

אַ פֿאַרגליווערט עופֿל
אין פֿאַרגליווערטע הענט.
די מאַמע זיצט —
פֿון סם פֿאַרלענדט.
דער זייגער דראַפּעט זיך נאָך
אויף גלייכע ווענט.

דער טאַטע גליווערט
בײַם געדעקטן טיש —
די פּלוצעמדיקע אַנגסטן
זיך נאָר וואָס אָפּגעווישט.
די קאַץ ליגט אויף דער פּלייצע
און רירט זיך נישט.

דער סם איז אַרײַן
דורך די דינסטע שפּעלט
אָן אַ מינדסטן שאָרך,
אָן היץ און אָן קעלט.
דער טויט אַפֿילו גליווערט.
סע דרייט זיך נאָר די וועלט.

ווער ווייסט

אין פּופּציק וואָכן מיט אַ טאָג
וועט פּלאַצן איבער אונדז די פּלאָג,
און אַלץ, וואָס אָטעמט, וועט זיך עקן.
מע דאַרף זיך נישט שרעקן.

זי'ט איבער אונדז אַ פּלאַץ טון בלינד
און אויף טויט דערשרעקן וואָלקנס און ~~זייט,~~ ווינט,
און קיינער ט'נישט וויסן וואָס ס'איז געשען —
מ'האָט גאָרנישט געזען.

מע ווייסט: אַ גאַסט, אַ פֿינצטערער, גייט,
און פּעסער מיט פֿינצטערן סם זענען גרייט.
זיי ליגן אין אונטערערדישע הײלן.
מע דאַרף נישט דערציילן.

פֿאַרגייט אַ טאָג, ווערן ווינציקער טעג
וויפל נאָך איז געבליבן? מע ווייסט, אַז מע פֿרעגט.
ס'איז סײַ ווי קיין אויסוועג נישטאָ און קיין סײַדנס.
ס'איז נישט צו פֿאַרמײַדן.

אַ טאָג קומט אָן, אַ טאָג פֿאַרגייט —
דערווייל איז דער הימל בלאָ־לופּטיק געשפּרייט
דערווײַל איז הײַנט, און דערנאָך קומט מאָרגן —
מע דאַרף זיך איצט זאָרגן?

ס'עט אַפֿילו נישט זײַן קיין מיסט אויפֿן פעלד,
ווייל אַלץ איז צוריק צו תּוהו געשטעלט.
מ'עט קיין וויזיע נישט זען, מ'עט קיין בת־קול נישט הערן
פֿון איבער די שטערן.

די לעצטע וואָרענונג איז פֿאַרשטומט,
די פּלאָג איז אָנגעברייט און קומט.
ווער ווייסט, צי גאָט מיט זײַן ליכטיקער שכינה
ט'אַ מיקלט געפֿינען.

קען געזייַן

אוי, דעם זומער האָט אַ בלינדע היץ אויף אַש צעריבן.
אין דער תּוכחה אַליין אַזוינס איז נישט פֿאַרשריבן.

קען געזייַן, אַז ס'שטילט פֿון ערגעץ ווּו צון אונדז אַריבער
איבער אַלע טויטטונעלן אונטער קבֿרים־גריבער
אַ געבענטשטע ערד, ווּו עמעץ קומט און וועט פֿאַרזייען
ווינטער־זריעה, און וועט וואַרטן אויף די ערשטע שנייען.
קומען קען אין צײַט אַ ווינט, אַ וואַרעמער און לינדער,
נאָר קיין וויוגע וועט זי נישט פֿאַרווייען ביז עק ווינטער,
און קיין שלאַקס וועט נישט פֿאַרטיליקן די יונגע זאַנגען,
און ער'ט שנײַדן ברויט מיט גוטע טרערן און געזאַנגען.
אַזאַן ערד, ווּו רישעות האָט נאָך נישט געלאָזט קיין סלידן,
ווּו מע קען מיט גוטע טרערן שרײַבן ליבעלידער.
ווּו דער מענטש גייט אום און וואַקסט אַ גלײַכער, נישט געבויגן,
אָן קיין ביטערער פֿאַרשעמטקייט אין די קלאָרע אויגן.
ווּו מע ווייסט נישט פֿון קיין טרויערקייטן צו דערציילן
און פֿון ווּנדן, וואָס סע קען שוין קיינער מער נישט היילן.

קען געזייַן...

מיט מײַנע געציטערטע ביכער

ס׳וועט אַ קראַך טון דער שרעקלעכער דונערבליץ,
און ס׳וועט נעמען מיך וואַרגן אין גאָרגל —
וועל איך זאָגן די קרובֿים מײַנע: ״נו,
מע דאַרף זיך שוין מער נישט זאָרגן.״

פֿון די שוואַלבן, וואָס אונטער דער סטריכע, אין נעסט
וועט ווערן אַש און קוילן —
וועל איך זאָגן די אייניקלעך מײַנע: ״נו, שאַ —
מע קען שוין איצט גאָרנישט פּועלן.״

אַזוי וועט זײַן מיט די שוואַלבן אין נעסט,
לעבן קוימען, אונטער דער סטריכע —
נאָר איך וועל אַראָפּטראָגן גיך ערגעץ טיף
די שאַפֿע מיט מײַנע ביכער.

וואָס האָט מען צו ספֿרים און ביכער, וואָס?
נישטאָ דאָ קיין בלוט צו פֿאַרגיסן.
פֿאַראַן נאָר הייליק ספֿרים־פּאַפּיר
און אותיות ייִדישע, זיסע.

איך וועל מיך צעקושן מיט ד׳אייניקלעך,
און אָפּכליפּען מײַנס אין גיכן,
און זיך לאָזן ערגעץ טיף, טיף, טיף
מיט מײַנע געציטערטע ביכער.

באַלאַדע פֿון צוויי שוועסטער

אַזוי ווי אַ סופֿר, וואָס גייט טבֿילה איידער ער כּתיבֿהט דעם שם
אויף דער ליכטיקער יריעה, אַזוי באַוואַש איך זיך מיט טרערן, אַז
איך דאַרף אַרייַנשרייבן אייַערע נעמען, שפּרינצע און חייַצע, אין
מייַנע ליידיקע לידער.

(אין אַ מאַסן־קבר, צווישן אַן אויסגעשאָסענער עדה ייִדן, ליגן צוויי שוועסטער, איינע לעבן דער אַנדערער, אַן עלטערע און אַ ייִנגערע. די עלטערע, שפּרינצע, טראָגט אין זיך איר ערשטן עובר פון עטלעכע חדשים ; די ייִנגערע, חייַצע — מיט אַ פֿינגערל אויף דער האַנט, וואָס דער חתן אירער האָט עס איר שוין געהאַט געגעבן.)

שפּרינצע: ווינטל, שטעל זיך אָפּ אַ רגע,
נייג אַן אויער צום געשושקע פֿון דער טיף דאָ
און דערצייל די ווייַטן:
אונדזער בלוט האָט נאָך נישט אויפֿגעהערט צו
טריפֿן.

קלויסטערגלאָקן טייבן נאָך ווי דעמאָלט,
ווען מ'האָט מיר דאָס טראָגעדיקע לײַב צעריסן
שטעל זיך אָפּ אַ רגע, און דערצייל עס
אַלע טויבע, אַז זיי זאָלן וויסן.

חײַצע: זאָג, צו וואָס אַ טויב, אַ גראָע,
קומט צו פֿליען
איטלעכן פֿאַרנאַכט צון אונדזער קבֿר־בערגל
און זי וואָרקעט, וואָרקעט, ביז ס'הייבט אָן צו
פֿריִען.

קודם מאַכט זי איבער אונדז הקפֿות זיבן,
ווי זי זאָל אַ גדר אין דער לופֿטן בויען,
און אַ דינער נעפּל נידערט,
אין דער צורה פֿון אַ שלייער־אוהל.

און דער באַלקן
איז פֿון בלאָלעכן בורשטין, אין רינגען, —
אויף די שטילסטע זיפֿצן
זאַפּט ער אין זיך און ער לאָזט זיי איבערקלינגען.

שפּרינצע: אין דער מיטן פֿונעם שוועבנדיקן גדר
וועט די מאַמע פֿאַר מײַן קימפּעט קישנס
ברענגען
און אויף לײַלעכדיקע ווענטלעך
וועט מען שיר־המעלותן צעהענגען.

קימפּעטבריוולעך —
וואָלקנטיכלעך ליכטיקדיקע —
שכנות וועלן קומען צוצווינטשן,
און "אַז גאָט זאָל זיי שוין אויך באַגליקן..."

אפֿשר
וועט מיר גאָט אַ בכורעלע באַשערן —
וועט דער זיידע זײַן דער סנדק,
און ער וועט מסתמא גיסן טרערן;

און ער׳ט זאָגן:
"ס׳וואַקסט אַן עילוי" —
און די באָבע ט׳זאָגן:
"האָסט עס נאָך דערקענט אין ערשטן קוויטש
אַפֿילו..."

אָבער אַז ס׳וועט זײַן אַ מיידל, וועט ער זאָגן:
"בת תּחילה...
ס׳איז אַ גוטער סימן..."
און די מאַמע ט׳מסכּים זײַן, אַ שטילע.

חייצע: אין די עקן פֿונעם שוועבנדיקן גדר
וואַקסן אויס פֿיר חופּה־שטאַנגען — — —
עמעץ צאַפּלט אין דער נאָענטנס,
איך זאָל אים די הענט דערלאַנגען.

פֿונעם נאָענטן וועלדל
לאָזן זיך די פֿייגל הערן,
ווי אַ ווײַטע חתונה־קאַפּעליע —
אַז די בענקשאַפֿט וויל מיך אַזש פֿאַרצערן.

שפּרינצע: איך האָב מורא
עפֿענען די אויגן —
פֿון די האָריזאָנטן
קומען מאָנסטערפֿערד געפֿלויגן.

טאָמער
גיב איך מיט אַן אבֿר בלויז אַ ריר נאָר —
וועלן זיי דאָס קבר אונדז צעטראַמפּלען,
און אַ ווינט וועט עס בײַם ים אין תּהום צעפֿירן.

חײַצע: פֿון צעווישן
אויסגעוואַקסענע פּאַפּשויעס
קוקן און זיך שלײַכן
גוים.

וואָנצעלער פֿאַרשפּיצטע
אויף די פּנימער, די מילער ווייַסע,
און אין ד׳אויגן — שלענגעלער
צונויפגעקנוילטע,
נאָר זיי קומען בייַסן.

שפּרינצע: ״וועל איך קיין מאָל נישט געבוירן ווערן?
פֿון דער מוטערס טראַכט שוין קיין מאָל נישט
אַרויסגיין?
האָט מיך דען נישט גאָט אין דיר באַשאַפֿן
מיט זייַן חסדימדיקער גרויסקייט?

וועט פֿון מיר אַ שטיקל שטיין אין גרונטן ווערן,
אין דער טיפֿעניש אַ ביסל שטויבן?
קען דען עמעץ דאָרטן
זייַנע הערלעכקייטן לויבן?״

חייַצע: דין, ווי ס׳איז אַ דינסטע נאָדל,
וויל אַ פֿאָדעם ליכט צו מיר דערלאַנגען —
שטייט אין וועג אַ קופּע בראָכוואַרג,
ווו דער טאָג איז אויסגעגאַנגען.

עמעץ לייַכט אַרייַן צו מיר אין קבֿר,
נאָר מע זעט נישט קיין לאַמטערן;
ר׳שטייט אין דרייַען אייַנגעבויגן
און אים גליווערן די טרערן.

שפּרינצע: וואָלקנהענט צוויי גוטע
נענען זיך, מייַן קינד בייַ צייַטנס אָפּצונעמען.
אויף די ווייַטן וועלן גאַפּן,
און דער טאָג וועט שמען.

און אַ קעסטעלע, אַ פּימסנס,
וועט זיך מיט אים טראָגן ווי אויף כוואַליעס,
און קיין וויסטע ליידן
וועלן אונדז שוין מערער נישט באַפֿאַלן.

און מייַן זון וועט אונטערוואַקסן,
צווישן לייַטן קומען —
וועלן שמייכלען אַלע אַראָפּגעלאָזטע אויגן,
אַלע ליפּן שטאַרע שטומע.

חייַצע: כ׳האָב אין שלאָף געהערט קלעזמאָרים שפּילן —
פֿידלען צוויי, אַ באַס און אַ קלאַרנעטל.
באַלד וועט אויף אַ וואָלקנפֿערד מייַן חתן
קומען,
און אַ חופּה שטעלן וועט׳ן.

כ׳האָב געזען, ווי ס׳קומען פֿלאַטערלעך אין
מחנות,
און זיי גייען שלאָפֿן אויף די ביימער,
וואָס זיי וואַקסן אין דער לופֿטן —
און זיי שטייען שוין נישט אויף מער קיין מאָל.

שפּרינצע: איין מאָל איז אַ בוים צו מיר אַרייַנגעוואַקסן,
מיט האַלב־צייַטיקדיקע עפּל —
ווי בייַם קינד, וואָס ליגט אין מיר און דרימלט,
דאָס פֿאַרקלערטע ווייכע קעפּל.

איצט פֿאַרזינקט אַלץ אין אַ שטילער פֿינצטער,
ווייַל די זון האָט צוגעמאַכט די אויגן.
ערגעץ אין די הויכע מילכן
צינדן זיך די שטערנרויגן.

און דאָס קינד אין מיר איז מיד געוואָרן בעטן,
כ׳זאָל עס וואַרעמען און צו זיך דריקן.
ווען כ׳זאָל האָבן וואַרעמע תּכריכים,
וואָלט איךביידן אונדז אַרומגעוויקלט.

חייַצע: איבער אונדזער קבֿר סאַמע
זיבן רעגן־בויגנס שוועבן —
און דעם שענסטן פֿון זיי אַלע
וואָלט איך מיט אַ קוש מייַן פֿינגערל געגעבן,

אַז ער זאָל עס אָנטון
גאָר דעם ערשטן מיידל, וואָס זי קומט אַקעגן
און זי זוכט דעם חתן,
וואָס ער איז איר אומגעקומען אונטערוועגנס.

זאָל ער איר דאָס פינגערל דערלאַנגען
און איר זאָגן:
ווי דער ים דאַרף זיך אוליַיען,
דאַרף זי אויפהערן צו קלאָגן.

שפרינצע: לעבן וויגל שטייען צווייען
איַינגעבויגן,
און זיי שטאַרן
מיט פאַרלאָשענע, מיט צוגעמאַכטע אויגן.

וויל די באָבע עפּעס זאָגן,
זאָגן עפּעס וויל דער זיידע —
נאָר זיי גיבן נישט קיין צוק אַפילו
ביידע.

חיַיצע: כ׳האָב מיַין לייַב געצערטלט
פאַר מיַין מאַן, און אויף צו האָבן קינדער —
איצטער רייַסן פון מיר שטיקער
שטיינער־פינגער בלינדע.

נישט קיין חופּה,
נישט קיין גיין זיך לייגן —
איבער מיר ט׳שוין מער נישט קיינער
זיך אַריבערבייגן.

שפרינצע: מיַינע רונדיקייטן זענען אָנגעקוואָלן,
האָבן זיך אָנגעפילט מיט מילעך — פאַרן
קרעמען?
שטיינערציינער,
איר זאָלט זיך נישט אויף מיַין קינד
פאַרשטשעמען.

פעלדזונשלאַנגען,
אין די ענגע תּהומען אויסגעבריטע —
טשעפּעט נישט דאָס קינד מייַנס,
ניטע.

חייַצע: קומט אַ ווינטל פֿונעם וועלדל צו דער ליפּע
קרייַזלען ווי מיט גינגאָלדענע קאַמען
איר די פּאַטלעס —
זאָל עס זייַן אין שליחות פֿון איר מאַמען?

פון די נאָענטע בערגער
נעמט אַ ליכטיקייט זיך שפּרייטן —
דאָ וועט זייַן אַ חתונה הייַנט מאָרגן —
און די ליפּע־כּלה שטייט אַן אָנגעברייטע.

שפּרינצע: שוואַלבן קומען מיר צו חלום,
שטעלן זיך אויף דאַרע צווייַגן.
נישט זיי זינגען, נאָר זיי וואַרפן אָן אַ פּחד
מיטן שטאַרן שווייַגן.

דו געדענקסט די נעסט מיט שוועלבלעך
אונטער אונדזער סטריכע?
דו פֿלעגסט זאָגן: אַז זיי פּישטשען,
דאַכט זיך, אַז זיי פרייען זיך און כיכען.

און די מוטער איז שעה איין שעה אויס געפלויגן
האַמעניו זיי ברענגען —
פליגן,
ווערעמלעך ווי פּאָדעמשלענגלעך.

און דער טאַטע, קוקנדיק דערויף, פלעג זאָגן:
ניסים־ונפלאות פונעם בורא!
דאָס באַשעפעניש, דאָס מינדסטע,
שפּייַזט די קינדערלעך, וואָס ס׳האָט געבוירן...״

חייַצע: ווען זאָל איך צו דער חתונה פֿאַרבעטן,
און צום אָרעם־מאָלצייַט — וועמען?
כ׳זאָל, חלילה, קיינעם נישט באַוועלן,
צי פֿאַרשעמען?

כ׳וועל נישט רופֿן
קיינעם —
העט דער גאַנצער מקום
איז דאָך דאָ מיט אונדז אין איינעם.

שפּרינצע: אויף די וועגן
אין דער נאָענטס, אין דער ווייַטנס —
טשאַטעס
רוצחים־רייַטערס.

אייַזערענע פֿערד־און־רייַטערס ערגעץ —
כ׳הער געטופּעריַיען.
יאָגן זיי אַוועק פֿון דאַנען?
קומען רייַטערס נייַע?

קעפּ מיט באָרד־און־פּאות
שטעקן ביַי זיי אויף די שפּיקעס,
און די העלדזער פֿון די פֿערד — באַצירטע
מיט טליתים, מיט צעפֿליקטע.

חייצע: קאַטשקעס יונגע גוידערן זיך פֿאַרביַי די
קאַטשערס,
מאַכן פּאָזעס, פּאַטשן מיט די פליגל,
שלינגען דאָרשטיק
שטיקלעך וואַסער־שפּיגל.

אָט־אָ קומען זיי צו שפּאַנען,
און סע קאַפּעט נאָך פון זיי די טבֿילה.
מיר איז נישט געווען באַוויליקט
מייַנע כלה־גלידער כשר אָפּצוקילן.

עמעץ פֿעבלט מיט אַ ווינטל
איבער די צעוויגטע זאַנגען־כוואַליעס.
אָט וועט באַלד דער טאָג זיך זעצן,
און אַ שטילע קילעניש וועט אויף זיי פֿאַלן.

אין דער הייך וועט נעמען פינטלען,
עמעץ וועט דאָרט ציליען שטערן —
און אין מײַנע ביינער
וועט אַ ביסל אפֿשר קילער ווערן.

שפּרינצע: איז נאָך עמעצער פֿאַראַנען,
ער זאָל קומען
און צון אונדז אַרײַנווײנען אַ קדיש,
צי נאָר העשען איבער אונדז, אַ שטומער — ?

דראָטנפלויטן
ציִען זיך ביז העט אַרויף צון אַל די הייכן —
ווער וועט גאָר אַהער דערקומען,
ווער — דערגרייכן ?

חיַיצע: כ׳האָב געזען אַ חופּה אין חלום,
אַ צעשפּרייטער, דינער, ווײַסער נעפּל־שלייער.
פּלוצעם האָט אַ וויכער אים גענומען פליקן
און פֿאַרווייען.

איז נישטאָ קיין שלייער און קיין חופּה,
און נישט קיין באַדעקנס —
אַלץ פֿאַרטראָגן
ערגעץ ווו אין אַל די העקן.

וואָס זשע וויל דאָס פֿינגערל אַצינדערט,
דאָס געשענקטע ?
ווי אַ מעסער
שנײַדט עס אין מײַן בענקשאַפֿט.

זאָל דערפֿון אַ טויב, אַ ווײַסע, ווערן,
וואָס צעשפּרייט די פֿליגל
מיט אַ שטיל געוואָרקע
איבער אַלע קינדערוויגן.

זאָל אַ וואָלקנדל, אַ ליכטיקס,
פֿון מײַן פֿינגערל געבוירן ווערן —
און זאָל ווי אַ ציכטיק טיכל
טריקענען פון טאַטע־מאַמעס אויגן טרערן.

זאָל עס מיר אַראָפּ פֿון פֿינגער
און זיך שלענגלען ווי אַ ליכטיק לאָנקעטײַכל —
אין די פֿינגערלעך פֿון אַלע כּלות
לײַכטן.

זאָל עס רוען ווי אַ זוניק רייפֿל
אויף די הערנער פֿונעם ציגעלע, דעם ווײַסן,
וווּ צוקאָפּנס פֿון אַ קינד אין וויגל
זיצט אַ מאַמעשי און זינגט אַ מעשה.

זאָל עס פֿלאַטערן און פֿליען,
און אַ טײַטל זאָל עס ווערן,
וווּ אַ ייִדיש ייִנגל
זיצט און לערנט.

שפּרינצע: אויף אַ לאָנקע,
אויף אַ גראָזנבעט, וואָס גאָט האָט עס געגרייט
איר,
וואַלגערט זיך אַ לאַם, אַן ערשטלינג, אין די
ווייען —
איר צוקאָפּנס שטייט ער.

און מיט אויפגעריסענע אויגן
רעוועט זי און מעקעט,
ווי דאָס לעבן
זאָל זיך בײַ איר עקן.

מיט אַ ווייכער ווינטהאַנט

קילט איר גאָט דעם הייסן שטערן:
ניטע שרעק זיך, לאַם, מײַן טאָכטער —
באַלד וועסטו אַ מאַמע ווערן.

חײַצע: איך דערלאַנג אַרויס מײַן פֿינגערל אין דרויסן —
זאָל אַ כּלה־מיידל קומען עס געפֿינען —
קומט אַ חתונה פֿון פֿייגעלער, פֿון שטילע,
און בלײַבט שטיין אין פֿליִען, ווי אין מיטן
דרינען.

טראָגן זיי עס צון אַן אָרעם שטיבל,
וווּ אַ כּלה האָט קיין קלייד נישט און קיין
רינגל —
זעט זי פּלוצעם אין איר צוגעלייגטקייט
עפּעס ניסימדיקס בײַ איר אין ווינקל פֿינקלען.

חידושט זי זיך
אויף דער שיינקייט, דער פֿאַרטרערטער,
און זי מעסט עס אָן ־ס'איז ווי אויף איר
געגאָסן —
און דער חידוש אירער האָט אַזש נישט קיין
ווערטער.

שפּרינצע: ס'האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון דרימל —
כ'האָב געהערט אַן עופֿל ווײנען.
ווײן נישט, קינד, אָט גייט די מאַמע —
איר זאָל זײַן פֿאַר דײַנס אַ מינדסטן ביינדל.

אין אַ וואָלקנוויגל
ליגט אין מיר מײַן עופֿל.
דיך באַדאַרף נישט שרעקן
דאָס געביל אין שכנותדיקע הויפֿן.

כ'דאַרף באַלד גרייטן זיך אין קימפּעט —
ליג איך אויף אַ בעט פֿון שטיינער.
ווער ט'בײַ מיר דאָס קינד אָפּנעמען,
ווער — דערלאַנגען אים אַ פּעטשל, ס'זאָל אַ
ווײן טון?

כ׳וועל אַליין געווינען,
און אַליין די נאַפּלשנור מיר איבערבײַסן
אפֿשר פֿאַרט וועט עמעץ קומען פֿון די תהומען
מיט אַ לײַלער, מיט אַ ווײַסן.

טאָמער איז מײַן עוברל אַ דורכגעלעכערטס,
וועל איך עס צום כּיסא־הכּבֿוד טראָגן —
כ׳וועל עס דעם באַשעפֿער אין די הענט אַ וואָרף טון:
"טראָג עס דו אויס" — וועל איך אַ פֿאַרצאָגטע זאָגן.

חײַצע: היינט וועט מען מיך צו דער חופּה פֿירן —
כ׳דאַרף זיך גרייטן.
זאָל דאָס חופּה־קלייד זײַן ווײַס אַליין נאָר,
צי מיט בלאָע קווייטן?

נאָר דער שלייער, אוי, דער שלייער —
ער וועט זיך נישט פֿעלבלען ווי׳ן אַ ווינטל גראָזן.
ער וועט הענגען אין אַ גליוועד,
און קיין אָטעם וועט אויף אים נישן בלאָזן.

שפּרינצע: ווערעם, טוט מיט מיר וואָס ווערעם טוען,
נאָר דאָס קינד אין מיר זאָלט איר נישט רירן.
עמעץ האָט די שליטה איבער זײַנע ביינער,
ביז אַריבערן קץ־הימין זיי צו פֿירן.

אויסגעצערטע מאַמעס,
און מיט טרערן־לאָגלען אָנגעלאָדן,
וועלן קומען
און מײַן עופּל באָדן.

מ׳עט עס באָדן
אין אַ מולטער טרערן —
וועט עס עפֿענען די אויגן
און געבוירן ווערן.

דאָרטן רוט אַ וואָלקן ליכטיק אויף אַביימל,
און אַ פּאַווע היפּעט אויף די צווײַגן גרינע —
דאָרטן וועט מײַן קינד געבוירן ווערן
און אַ היים געפֿינען.

חײַצע: באַלד וועט מען צעאַקערן די פֿעלדער
און מ׳עט זיי פֿאַרזייען
סײַ מיט תּבֿואות,
סײַ מיט טימאָטייען.

און אין פּוסטע וועלדער
וואַקסן שטיינער,
און די דאַרע צווײַגן
גליווערן און וויינען.

און די זון גייט ווייטער אויף, ווי תּמיד,
און גייט אונטער, ווי זי זאָל פֿון גאָרנישט וויסן.
און דער הימל
האָט אויף אונדז קיין קריעה נישט געריסן.

נאָך געדונערן, געבליצן,
קומט אַ רעגן,
און דערנאָכדעם
שווימט ווידער אויף די וועגן.

ביז אַ ציטערניש וועט קומען
און וועט איבערקערן
מיט די תּהומען אויף אַרויף צו
אַלע ערדן.

און די וועלדער שפּיצן
פֿון פּאַלאַצן און פֿון קלויסטערס
וועלן דאָרטן זינקען
ווו געשטאַנען זענען זיי אין גרויסן.

ביז צו יענעם טאָג, דעם לעצטן,
וועלן מיר דאָ איבערוואַרטן
אין דער ענגעניש פֿון שטיינערפּלאַסטן,
אין די תּהומען, די פֿאַרשטאַרטע.

שפּרינצע: אַז די פֿינצטער
איז אַזאַ געדיכטע —
רירן זיך אַהער פֿון ערגעץ
בשׂורה־ליכטער?

שוין אַוועק די זון אַריבער אַלע בערגער,
כ'קען זי אַזש שוין מער נישט כאַפּן מיטן זינען.
אין אַ חלום פֿון אַ חלום
זוך איך עמעצן און קען אים נישט געפֿינען.

ער איז דאָ אין אַל די ווײַטן,
הינטער כמאַרעס האָט ער זיך באַהאַלטן,
און פֿון דאָרטן
קוקט ער דורך אַ שפּאַלט נאָר.

פֿון דער ווײַטנס
וועט ער אונדז דערזען אין ענגעניש פון תּהומען,
די פֿאַרשאָטענע אין גריבער,
די פֿאַרלוירענע, וואָס מ'האָט צעלאָמעט.

איך קען אַ ייִד, אַ שטילן

א.)

איך קען אַ ייִד, אַ שטילן,
מיר וווינען אַ טיר ביי אַ טיר —
האָט ער אָנגעווירן אין אוישוויץ
דאָס ווייַב און קינדער פֿיר.

"געציטערטע פֿיר קינדער —
און אַלע מיט איין קלאַפּ.
די אַנדערע מייַנע זיבן
האָט דער טויט אַ וואָך שפּעטער געכאַפּט."

געציטערטע עלעף קינדער,
און צוועלעף — מיטן ווייב...
און עמעץ רוקט מיר אונטער
אַ בויגן פּאַפּיר, און — "שרייב!"

ער זיצט אויפן שפּיץ פֿון אַ שאַפֿע,
און שטעקט מיר אַרויס אַ צונג:
"באַשרייַב, ווי ס'האָט אויסגעזען איטלעכס,
ווי אַלט ס'איז געווען, צי ווי יונג.

באַשרייַב און מאַליעווע פּינקטלעך
און עפּעס טו אויף אויך דו.
כאַפּ אָן די וועלט בייַם גאָרגל,
און לאָז זי נישט צו רו..."

ער האָט זיך ווילד צעכיבעט,
און זיך פֿאַרכליסנעט שיר —
אַזש פֿון די גרינע אויגן
האָט געקאַפּעט טרער נאָך טרער.

„און אַט פּאַפּיר אַ בויגן,
און נעם אין דער האַנט די פּען
פֿאַרקאַטשע די ווײַסע אַרבל,
און הייב אָן טינטלען — און קען!"

ער איז פּלוצעם נעלם געוואָרן —
ער ליגט אין אַ פֿוס פֿון אַ טיש,
און פּלאַפּלט פֿון דאָרט געלעסטער,
מיט כיכעניש געמישט.

„שרײַב: גאָט האָט געשיקט מלאָכים:
קלויבט אויף ביז דער לעצטער טרער
פֿון גוססדיקע קינדער —
און ברענגט צו מיר אַהער.

און ווידער געשיקט מלאָכים:
די זיפֿצן קלויבט צונויף
פֿון גוססדיקע כּלות —
און ברענגט צו מיר אַרויף.

און מלאָכים האָבן געשפּונען
פֿון די זיפצן פּעדעם ליכט,
און געוועבט אַ ליכטיקן שלייער
פֿאַרן ליכטיקן גאָטס געזיכט.

געקליבן טרערן טויטאַנגסט
פֿון קינדערשע פּנימלעך —
אין געוועב אַרײַנצופּערלען,
מיט דינע, ליכטיקע שטעך.

און די טרערן פֿינקלען ווי פּערל
אין די פֿאַלבן פֿון זײַן קרוין
און פֿונעם אויסגעוועבעכץ
אויף די ווענט פֿון זײַן הייליקן וווין.

אַזוי זאָלסטו, הייס איך דיר, שרײַבן,
ווײַל אַזוי קען עס האָבן געשען.
גיי פרעג אין די וויסטע וועלדער
די ווינטן — זיי האָבן געזען...״

ב.)

גיסט אויס דײַן האַרץ ווי וואַסער
פאַרן פנים פון קודשא בריך הוא.
דורך אַ צינור טריפֿט אויף דיר חסד,
אמונה־גיבור דו.

דו דאַנקסט דעם אייביק גערעכטן,
וואָס ער גיט דיך נישט דעם טויט,
און גיט דיר אַ וואַרעם מלבוש,
און גיט דיר מיט מאָס דײַן ברויט.

דו דאַוונסט מיט ערלעכער דבֿקות,
און היפּערסט נישט קיין טראַף.
דו זאָגסט, אַז וואָס ס׳האָט געטראָפן,
איז דעם רחום־וחנונס אַ צוו.

אַ באַפעל פון זײַן ליבן נאָמען —
אָן אים טרעפֿט גאָרנישט נישט.
ביסט אַ פולער קרוג מיט אמונה
און אָן שום קווענקלעניש.

די רוצחים ריטשען, וואַרעסקען,
נאָר דו ביסט שטילער פון שטיל.
אַזוי איז דעם אייבערשטנס רצון,
און דער אייבערשטער ווייסט וואָס ער וויל.

ג.)

אוי, זאָג מיר: בײַם חשבון־צדק
וועט גאָט דער פֿרעגער זײַן?
די אימת־דין פֿאַרצוקט דיך
אומזוסט, אוי, שכן מײַן.

ער׳ט זיך באַהאַלטן דאָס פּנים,
און אַרויס מיט אַ ווייגעברום,
און ער וועט דיך שטום עפּעס פֿרעגן —
גיי צו און נעם אים אַרום.

ער וויל זיך ערגעץ באַהאַלטן,
נאָר ס׳איז נישטאָ קיין אָרט.
גיי, נעם אים אַרום און טרייסט אים,
נאָר זאָג אים נישט קיין וואָרט.

ד.)

איך גלייב באמונה שלמה:
ביסט קיין אוישוויץ נישט אַרײַן.
בלויז אַזוי האָט אַ האַפּט, ווי שפּינוועבס,
מײַן גלויבן, אַז דו קענסט זײַן.

ביסט יאָ דאָרט געווען — זאָל איך גלייבן?
האָסט געזען און באַנומען אַלץ —
און האָסט דעם דײַטש, דעם וואַרגער,
נישט איבערגעשניטן דעם האַלדז?

ווי זאָל איך דעמאָלט גלייבן,
אַז דו ביסט דאָ, ביסט פֿאַראַן —
ווי זאָל איך דיר מקריב זײַן תּפֿילות,
ווי אַ קרבן אויף אַ פֿאַן?

ווי זאָל איך דיך בעטן רחמים,
תּחנונים בעטן בײַ דיר —
אַז דו האָסט די האַנט פֿונעם וואַרגער
אַפֿילו נישט אָנגערירט — ?

איך ווייס, אַז די ביסט פֿאַראַנען —
נאָר קיין אוישוויץ קומסטו נישט, ניין, —
איז ווי זאָל דער קאָפּ מיר נישט גליִען,
ווי'ן אַ בראַנדיקן מידבר אַ שטיין ?

אָ, גיב מיר אָפּ די תּמימות,
מײַן בטחון ריכט אויף צוריק.
איך וויג מיך אויף כּפירה־אמונה,
ווי אויף אַ תּליה־שטריק.

צאַפּ אויס דאָס טרייפֿע בלוט מײַנס,
און מיט גלייביקן גיס מיך אָן —
איך זאָל טראָגן אין מיר די אמונה
ווי אַ ריינע, צעפֿלאַטערטע פֿאָן.

דאָס פּאַפּיר איז שוין נישט ליידיק —
די אותיות,קראָען אין שניי,
צעטאַנצן זיך אָן אַ זינען —
מיר טוט די נשמה אַזש וויי.

ד.

פֿרוי קאַרניאָל, די שכנה מייַנע

פֿרוי קאַרניאָל, די שכנה מײַנע

אוי, די מיסעס קאַרניאָל, די שכנה מײַנע —
כ׳בין אַ מאָל אין כּעס אויף איר, נאָר ס׳איז אַ טיפּשות.
זי קען נעמען טײַערע, געצײלטע שעהען,
און זײ מיר צעפּטרן אָן שום רחמנות.
כ׳האָב זי אָבער ליב צוליב די מעשׂות אירע,
וואָס זי ברענגט מיר איטלעכס מאָל געטרײַ צו טראָגן,
און וואָס נעמען זיך בײַ איר נישט אויס, מיר דאַכט זיך,
ווײַל זי שעפּט זײ שטיל אַרויס פֿון איר פֿאַנטאַזיע
טאַקע נאָר ווי פֿון אַ ברונע, פֿון אַ טיפֿער

זוכט דען עמעץ אין אַ ברונע טיפֿע סודות?
ניין, נאָר פּשוט — מ׳האָט הנאה פֿונעם וואַסער,
וואָס זי גיט בשפֿע פֿון די קלאָרע טיפֿן.
מע פֿאַרגעסט בשעתן טרינקען וויפֿל ווונדער,
וויפֿל טעם און חיות ס׳ליגט אין יעדן טראָפּן

אירע מעשות זענען נישט אין גאַנצן אמת?
אוי, דער אמת, ליבע לייענערס, ווערט דערעסן —
דער געוויינטלעכער, ווער ־ רעדט דער מיאוסער אמת,
וואָס ער שטשירעט מיט די ציין און לאָזט נישט שלאָפן,
און ער וואַרגט דעם חלום, ווי אַ טכויר וואַרגט הינדלעך.
יענעם אמת קענט איר, כ׳דאַרף קיין סך נישט בריַיען.
ניחאער איז דערפאַר דער אויסגעטראַכטער אמת,
וואָס דער גוטער מענטש דערציילט און לאָזט אים וואָר זיַין,
יענער אמת, ווי ער **וואָלט געדאַרפט** זיך טרעפן.
און אַז ד׳אויסגעטראַכטע מעשה איז אַ גוטע,
איז זי צען מאָל שענער פֿון דער וואָרער מעשׂה.
און די מעשׂה בעט זיך: כ׳וויל אַ גוטן אויסלאָז.
אויבע נישט קיין שיינעם — לאָז כאָטש זיַין אַ גוטן.
און די גוטסקייט איז דאָך סיַי ווי סיַי אַ שיינע.

קומט זי איטלעכע פאָר טעג אַריַין, די שכנה,
און, אין איינעם מיט די מעשות, וואָס זי ברענגט מיר,
גיט זי מיר אויך עצות: וועגן וואָס צו שריַיבן.
כ׳זע זי, טראָג איך איר אַקעגן דעם ״גוט־מאָרגן״,
און איך וויַיז איר: ״זעצט זיך״ — אויפן וויַיכסטן בענקל,
וויַיל זי איז שוין, קיין עין־הרע, אַ באַיאָרטע —
זינט איך קען זי, שוין אַ קאַרגן צענדליק יאָרן,
זאָגט זי אַלץ, אַז זי איז שוין אַריבער אַכציק.
זעצט זי זיך אַוועק, און באַלד, נאָך עטלעכענע ווערטער,
פּאַקט זי אויס דאָס בינטל עצות: ״וועגן רמב״ם
דאַרפט איר שריַיבן, וועגן אוריאל אַקאָסטאַן,
וועגן משה מענדעלזאָנען, שלמה מולכון,
וועגן ראָטשילדן און משה מאָנטעפיאָרען,
וועגן דעם באַראָן דע הירש — און ווו איז דריַיפֿוס?
כ׳האָב אַ מעשה וועגן איטלעכן באַזונדער —
און זי זאָגט מיר צו, אַז זי׳ט מיר ברענגען מעשות,

וואָס איך וועל דערפֿאַר איר אייביק מעגן דאַנקען,
ווײַל זיי זענען נאָך אין ערגעץ נישט פֿאַרשריבן.
„אײַ, ווי קומען זיי צו מיר? — זאָל אײַך נישט אַרן.
ס'איז אַ סוד, און שוין. וואָס טויגן אײַך קאַטשאַנעס?"

אויף אַ טישל, נאָענט, שטייט מײַן רעקאָרדירקע —
(אַך, די וויסנשאַפֿט! דער שיינער עץ־הדעת!) —
און די שכנה זיצט און רעדט זיך לפֿי־תּומה
און איר קול, מיט אַלע זײַנע זיבן חנען
שרײַבט זיך אָפּ אַליין אויף אייביק אויף דער לענטע.
איך, דער שרײַבער, האָב דערנאָך שוין ווינציק אַרבעט:
פֿון דער לענטע אויף פּאַפּיר **אַריבערשרײַבן**.

זי דערציילט מיר נישט קיין שפּאָגל נײַע מעשות,
אלא וואָס זשע דען? זי טונקט די אַלטע מעשות
אין דער וואַרעם פֿון איר אָטעם, אין איר תּמימות.
נאָך דער מעשה בעט איך מיך בײַ דעם פֿון אויבן,
איך זאָל קענען איבערגעבן אָט די וואַרעם
און — די חנען פֿון איר בוקעווינער יידיש.

א.) דער רמבם

„כ'בין אַ בעלן וויסן, צי איר קענט די מעשה
ווי דער רמב"ם האָט אַרויסגענאַרט אַ וואָרעם,
וואָס ר'איז צון אַ קינד, אין שלאָף, אַרײַן אין אויער,
און דאָקטוירים האָבן זיך די קעפּ געבראָכן,
פֿון דער גאַנצער וועלט דאָקטוירים, און מע ווייסט נישט,
ווי אַזוי מע זאָל זיך דאָ אַן עצה געבן.
מ'האָט שוין כּל־המיטלען אויסגעפּרוווט, און ס'העלפּט
נישט,
סײַדנס נעם און עפּן אויף דעם קינד דאָס קעפּל.
ס'ליגט שוין אַ פּאַרחלשטס, נאָר מע זעט — סע אָטעמט.
וויפל כּוח האָט אַ פּיצל קינד צו שרײַען?

נאָך אַ שעה, צי אַ מינוט, וואָלט עס דערגאַנגען.
און די טאַטע־מאַמע נעבעך — כ׳דאַרף אײַך זאָגן?
נישט צו מאָל אַ שׂונא זאָל אַזוינס זיך טרעפֿן.

איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל —
איז דער רמב״ם אָנגעקומען און דערהערט באַלד,
אַז דאָ גייט גאָר אין אַ וואָרעם — זאָגט ער: גיט מיר,
אָבער גיך, אַ גרינס, אַן אָפּגעריסן בלעטל.
רײַסט מען אָפּ אַ בלאַט פֿון אַ מאַסלינע־ביימל,
און מע גיט עס אים מיט ציטער און מיט טרערן —
לייגט ער צו דאָס בלאַט צום אויער פֿונעם עופֿל,
ווו דער וואָרעם איז געהאַט אַרײַנגעקראָכן
און געביסן און געבוירעט און דערגרייכט שוין
אַט־אַט־אַט צום מוחל — מיך נעמט אַזש דראָזשען
איצט אַפֿילו, ווי איך זיץ און איך דערצייל עס.
סײַ ווי, ס׳האָט גענומען מער נישט ווי אַ רגע,
זעט מען ווי דאָס עופֿל גיט אַ ריר דאָס קעפּל,
און דער רמב״ם, זעט מען, שעפּטשעט מיט די ליפּן,
און דער וואָרעם, זעט מען, ליגט שוין אויפֿן בלעטל,
און ער שלענגלט זיך — ס׳האָט אים פֿאַרשמעקט דער ריח.

און דאָס קינד האָט תּיכּף אויפגעמאַכט די אויגן
און האָט אַ פֿאַרמאַטערטס שטיל אַ נאָס געגעבן,
און דער רמב״ם איז אַוועק — מיט טויזנט ברכות —
ער זאָל אייביק לעבן, און זײַן גוטער נאָמען
זאָל אויף אייביק לײַכטן, ווי די זון אין תּמוז״.

און צום סוף האָט נאָך מײַן שכנה צוגעגעבן:
״כ׳האָב אײַך דאָ דערציילט די מעשה גאָר בקיצור —
טויג עס נישט. אַ מעשה איז לעהיי אַ מאכל,
כאַפּסט עס אָפּ אויף גיך, דערכאַפּסטו נישט די טעמען
אָבער כ׳זע, איר האַלט אין מיטן עפּעס שרײַבן.
זי, די מוזע, ווי זי הייסט בײַ אײַך, פּאָעטן,

איז אַצונד בײַ אײַך צו גאַסט — און זי איז ייִנגער
און אַוודאי שענער פון אַן אַלטער שכנה״.
און זי׳ז שטיל אַוועק, אַ שאָקל מיטן קאָפּ נאָר.

ב.) משה מאָנטעפּיאָרע

גייט אַוועק אַ וואָך, צי עטלעכע טעג נאָר,
קומט זי ווידער מיט אַן אויסטערלישער מעשׂה,
און איך זע: זי טראַכט נישט אויס, נאָר אַלץ איז אמת —
אלא וואָס? ז׳האָט ליב אַ מעשׂה צוצופּוצן,
צוצוגעבן, ווו מע דאַרף, אַ קנײטש, אַ שײנעם,
אַז די מעשׂה זאָל חלילה נישט פֿאַרמידן.
דאָס איז קיין חיסרון נישט, פֿאַרקערט — אַ מעלה,
אויף אונדז אַלעמען, הלוואַי געזאָגט געוואָרן.

איין מאָל זאָגט זי מיר, כּמעט אָן שום הקדמות:
״נעמט, למשל, טאַקע, משה מאָנטעפיאָרן,
ווייסן אַלע: ר׳איז געפֿאָרן קיין דאַמאַסקוס.
ראַטעווען די ראָשי־הקהל פֿון אַ בילבול,
פֿון אַ ריטואַל־מאָרד, ווי איר ווייסט אַוודאי,
און אַז מ׳האָט זיי אַלע אײַנגעזעצט אין תּפיסה
און געמאַטערט, נעבעך, מיט עינויים־קשים,
וואָס אַזוינס איז, דאַכט זיך, גאָרנישט צו דערשרײַבן.
דאַרף מען מער? אַ טייל איז גאָר אַראָפּ פֿון זינען,
און אַ טייל האָט נישט געקענט שוין מער דערטראָגן
די עינויים־קשים, און בײַ זיך באַשלאָסן:
אפֿשר בעסער מודה זײַן זיך, און נישט דאַרפֿן שטאַרבן
אין די ציין פֿון אַ מאַשין, וואָס רײַסט די גלידער.
האָט זיי מאָנטעפיאָרע אויסגעליזט פון תּפיסה.
אָבער דאָס איז דאָך נאָר בלויז אַ האַלבע מעשׂה.
ווי אַזוי געראַטעוועט — דאָס ווייסט נישט קיינער.
און דער אמת איז, אַז ר׳האָט די ראָשי־הקהל
אויסגעלייזט און זיי געברענגט מיט זיך קיין לאָנדאָן.
ר׳האָט פֿאַר זיי באַצאָלט דאָס גאַנצענע פֿאַרמעגן.

דאָס האָט מען געמאָנט און דאָס ער געגעבן,
און ער איז אַהיימגעקומען אָן אַ פּרוטה,
ממש אין איין העמד — און מיט אַ שיף מיט יידן,
מיט פאַרמאַטערטע, מיט קראַנקע, קרוע־בלויה —
זיי מיט זייערע משפחות — אפשר הונדערט אירע —
און מע שלעפּט זיך איבער ווילדע ימען און פּיראַטן
טשאַטעווען אויף זיי — זיי זוכן מאַנטעפיאָרען,
ענגלאַנדס רייכסטן ייד — זיי ווילן אים פאַרשלעפּן,
און מע׳ט פֿאַר אים קענען מאָנען זעק מיט רענדלעך.

זוכן זיי די שיף און — מ׳האָט זי באַלד געפֿונען:
קומען זיי אַרויף מיט שטריק, און נעמען זוכן
מאָנטעפיאָרען, זעען זיי אַ שיף מיט בעטלערס,
וואָרן ער אַליין, סיר משה מאָנטעפיאָרע,
איז דאָך דאָ געווען אַ בעטלער צווישן בעטלערס —
זעען זיי: ס׳איז נישט די שיף — געהאַט אַ טעות...
וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ אַזוינס נישט? גאָט קען העלפֿן
מע באַדאַרף נאָר ווערט זיין, זיך ביי אים פֿאַרדינען

נאָר אין לאָנדאָן איז געוואָרן אַ בהלה:
עפּעס האָט געמוזט געשען מיט מאָנטעפֿיאָרען —
פֿון דאַמאַסקוס ביז קיין לאָנדאָן פאָרט מען וואָכן —
דאָ איז אָבער שוין אַוועק אַ פּאָר חדשים.
און ס׳איז אַלץ נישטאָ פֿון אים קיין שום ידיעה —
מוז דאָך זיין נישט אַנדערש, נאָר מ׳האָט אים געפֿאַנגען
און מ׳האָט אים פאַרשלעפּט עק וועלט, אויף וויסטע
אינדזלען.

נו, דאָס ווייב איז ממש ווי אַראָפּ פון זינען
און באַטראַכט זיך פאַר אַן אייביקער עגונה,
און די קינדער שרייען: ווו איז אונדזער טאַטע?
נו, וואָס דאַרף מען מאריך זיין? ר׳איז אָנגעקומען
מיט דער שיף קיין לאָנדאָן, אָבער קיינער ווייסט נישט...
שיקט ער אַ שליח גלייך אין קיניגס פּאַלאַץ,

מיט אַ ברירוול: דאָס און דאָס האָט מיר געטראָפֿן,
איצט בין איך אַ טאַטע פֿון, קיין עין־הרע,
אפשר הונדערט מײַלער, וואָס זיי מאָנען עסן.
קענסט מיר העלפֿן? — ווערט דער קיניג אויפֿגעציטערט.
ער טוט אויס דאָס בושה־היטל, כאַפּט אַ פֿערדל,
און ער קומט צו רײַטן אין די הוילע הויזן
גלײַך צום האַוון, צו סיר משה מאָנטעפֿיאָרען.
ר׳האָט אים הייס אַרומגעכאַפּט און אַזש צעוויינט זיך:
משה ברודער, פֿרעגסט מיך, צי איך קען דיר העלפֿן?
עד חצי המלכות — ווי סע שטייט געשריבן.
כ׳ווייס ווו דײַן פֿאַרמעגן איז אַהינגעקומען —
דו האָסט דיר געקויפֿט דעם אייביקן גן־עדן.
כ׳דאַנק דעם לאָרד אין הימל — נישט נאָר וואָס איך זע
דיך,
נאָר וואָס כ׳קען דיר לײַען אַ גמילת־חסד.
ווינציק האָסטו מיר געהאָלפֿן אין אַ צרה —
אָן אַ שטיקל וועקסל, נאָר אויף מײַן נאמנות,
זינט דו ווינסט אין לאָנדאָן, משה מאָנטעפֿיאָרע?
בלויז געדאַרפֿט אַ ווונק טון — האָסטו מיר געעפֿנט
באַלד דעם קאַסע־קאַסטן, און געהייסן נעמען
וויפל איך באַדאַרף — נישט נאָכגעציילט אַפּילו.
כ׳האָב נישט נאָך אַ פֿרײַנד אַזאַ ווי דו אין ענגלאַנד
און אַוודאי אויבעט נישט אין די קאָלאָניעס.

כ׳גיב דיר תּיכף, הײַנט נאָך, אַ מיליאָן פֿונט שטערלינג —
נעם די גלויבנס־ברידער דײַנע, און באַזעץ זיי
דאָ אין לאָנדאָן, אינעם שענצטן געגנט,
און, פֿאַרשטייט זיך, בוי זיי אויס אַ סינאַגאָגע,
און אַ סקול — די קינדער רעליגיאָן צו לערנען,
אַז דעם לאָרד אין הימל זאָלן זיי קענען דאַנקען
אויף דער בײַבל־שפּראַך, אויף היברו, פֿאַר די ניסים.
וואָס ער האָט מיט אײַך געטון פֿון זינט דאַמאַסקוס —
און פֿאַרגעס נישט: אויך אַ מרחץ מיט אַ מיקווה —
העט אַלצדינג וואָס ס׳פּאָדערט פֿון אײַך אײַער גלויבן.

נו, ס׳איז נישט אַוועק קיין האַלבער טאָג אַפילו —
קומט אַ טוץ מיט וועגענער צום לאָנדאָן־האַוון
און מע ברענגט ר׳ משהן מיט דער שיף מיט יידן
גלייַך אין קיניגלעכן פּאַלאַץ, ווו ס׳איז גרייט שוין
פֿאַר די געסט מלבושים נייַע און — אַ סעודה
על־פּי כשרות און, פֿאַרשטייט זיך, כּיד־המלך,
און דער מלך מיט דער מלכּה זענען אורחים
בייַ די טישן מיט געראַטעוועטע יידן,
און זיי עסן גלייַך מיט זיי געפילטע פיש, און
פֿעפֿערן זיך צו די גוטע, פֿעטע יויכן
און זיי טונקען חלה אינעם פלוימען־צימעס,
און דער מלך, אין אַ יאַרמלקע, אַ ווייַסער,
זיצט בייַם בענטשן, און ער מאַכט נאָר מיט די ליפּן —
מן־הסתם האָט ער געדאַנקט דעם לאָרד אויף ענגליש.

סייַ ווי, ליבער שכן, כ׳על אייַך לאַנג נישט ברייַען —
נאָך דער שיינער סעודה און דעם הויכן בענטשן
זאָגט דער מלך צו סיר משה מאָנטעפֿיאָרען:
גיי און נעם דיך ווידער האַנדלען אויף דער בירזשע,
און מכּוח שפּייַז פֿאַר דייַנע הונדערט אירע
זאָלסטו דיך נישט זאָרגן — איר זענט מייַנע אורחים
ביז דער גאָט אַלמעכטיקער וועט דיך באַגליקן,
און דו׳סט ווידער שטיין אויף דייַנע פיס ווי פֿריער.
כ׳האָב אין פּאַלאַץ אויסגעכּשרט פֿינעף קיכן,
און מיט נייַע כּלים וועל איך זיי באַזאָרגן,
מיט אַ ״חדר״, מיט אַ שיל און אַל דאָס דינג דאָרט,
וואָס די רעליגיאָן פֿאַרלאַנגט פון אייַך ווי יידן.
דאָ, בייַ מיר אין פּאַלאַץ, זאָלן זיי מיר וווינען,
ביז די הייַזער, וואָס מע גרייט שוין, זענען פאַרטיק
זיי אַרייַנצולאָזן, זיי אַרייַנצונעמען,
ביזקל דער משיח אייַערער וועט קומען
אייַך פון אַלע עקן וועלט צונויפֿצוזאַמלען,
פֿון די אינדזלען, די פֿאַרוואָרפֿנסטע אַפילו —

אײַך צוריק אין אײַער הײליק לאַנד צו פֿירן,
העט די ייִדישע נאַציאָן צוריק קײן ציאָן.

איך דערצײל אײַך װידער אַלץ בקיצור נימרץ —
איר זענט מיד, װײַזט אױס, און חלשט נאָך אַ דרימל.
איך האָב אױכעט זיך אַ ביסל אײַנגעמידיקט.
נאָכן דרימל אָבער, גוטער שכן מײַנער,
נעמט די פּען, און נעמט די קורצע מעשׂה מײַנע,
און דערצײלט זי װי אַ שרײַבער דאַרף דערצײלן —
מיט אַ דיאַלאָג און שײן געשטעלטע סצענעס, —
נאָר צי בין איך דען אַ שרײַבערין, חלילה,
כ'זאָל אײַך מעגן געבן עצות אומגעבעטן?
אָבער לײענערס װעלן זיך די פֿינגער לעקן,
און סע װעט זײ ציִען לײענען — װי אַ מאַגנעט,
און מע'ט מאָנען נאָך, װײַל מע'ט הנאה האָבן
דעמאָלט װעלן אײַערע פֿאַרשעמטע ביכלעך
מער נישט דאַרפֿן פֿוילן ב'אײַך אין פֿײַכטן קעלער,
נאָר מע'ט זײ צעכאַפּן — אָט װי מצה־װאַסער.
װײַל אַ ביכל בונטעװעט זיך: כ'װיל אַ קונה!,
און קײן קונה איז נישטאָ, כאָטש נעם און הענג דיך.

נאָך אַ זאַך — און האָט אױף מיר נישט קײן פֿאַראיבל,
מאָנט אַ פּרײַז פֿאַר אײַער סחורה, פֿאַר די ביכלעך.
אַז איר מאָנט פֿאַר זײ אַ קלײניקײט — װאָס זאָגט מען?
אַז די סחורה האָט נישט מער די װערט, װי קלײנגעלט.
מאָנט אַ פּרײַז, דער קונה זאָל זיך איבערשרעקן,
װעט ער זאָגן: אָ, װײַזט אױס אַ װאַזשנע סחורה,
און ער װעט באַצאָלן, ער װעט זיך נישט דינגען.
שכן מײַנער ליבער, אױ, זענט איר אַ בטלן!
װען װעט איר שױן זײַן אַ שרײַבער צװישן שרײַבערס?

איך זאָל זײַן אַ שרײַבערין, מײַן ליבער שכן,
װאָלט איך דען צון אײַך געקומען מיט די טעמעס?
אסור מיר, איך װאָלט זײ גאַנץ אַלײן פֿאַרציקערט.
נאָר די צרה איז: איך קען נאָר בלױז דערצײלן.

טאָמער, אָבער, זעץ איך מיך אַוועק פֿאַרשרײַבן
דאָס, וואָס די פֿאַנטאַזיע האָט מיר אויסגעטראָגן,
גיט מיר באַלד אַ פֿלי אַוועק די גאַנצע מעשׂה,
ווי אַ פֿויגל, וואָס מע שרעקט אים פֿלוצעם איבער.
ווי אַזוי איר, שרײַבערס, שרײַבט אַ גאַנצע מעשׂה,
און זי גיט אײַך נישט אַ פֿלי אַוועק אין מיטן —
קען איך נישט פֿאַרשטיין, כאַטש נעמט און שיסט מיך.
און דערין איז שולדיק מײַן פֿאַרמאַטערט לעבן.
אַבציק יערעלעך — ווו זענען זיי פֿאַרפֿלויגן?
מילא, כ׳זינדיק נישט, געהאַט אַ ביסל פֿריידן,
אָבער פּלאָגענישן, ווי געוויינטלעך, מערער.
און געבליבן בין איך ווי אַ בוים אין ווינטער —
נאָר צו מיר וועט שוין קיין וועסנע מער נישט קומען.
זעט איר, ווען כ׳זאָל מיידלווײַז געוווען זיך לערנען,
וואָלט איך זיכער הײַנט געוווען די סאַמע גרעסטע —
אַלע וואָלטן זיך געווענדט צו מיר נאָך עצות,
און איך וואָלט זיי גערן אַלעמען געהאָלפֿן.
נאָר כ׳האָב חתונה געהאַט נאָך גאָר אַ יונגט,
און צו פֿולע נײַן חדשים נאָך דער חופּה
האָב איך אָנגעהויבן מיט גאָטס הילף צו קינדלען.
איך האָב טאַקע אויפֿגעצויגן פֿערצן קינדער,
נאָר אַוועקגעקינדלט מײַנע שענצטע יאָרן.

ווער זשע האָט דערנאָך שוין צײַט געהאַט צו לערנען?
טייל מאָל פֿיל איך: עפּעס קאָכט און עפּעס רודערט
אין מײַן אַלטן שאַרבן, עפּעס טומלט דאָרטן,
און סע נעמט בײַ מיר אַוועק דעם שלאָף, די כּוחות —
ווייס איך תּיכּף: ס׳איז חלומות מײַנע יונגע,
וואָס זיי קומען מיר צו חלום אין מײַן עלטער —
כ׳האָב געוואָלט, געוואָלט, נאָר כ׳האָב נישט
אויסגעטראָגן
נישט קיין איינס פֿון מײַנע וועלעכצער, פֿון אַלע.

נאָר איך זע, איך בין אַרויס פֿון די האָלאָבליעס.

און די מעשה האָב איך שטיין געלאָזט אין מיטן.
נו, ר׳האָט ווידער אָנגעהויבן האנדלען - וואַנדלען,
און דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט גאַנץ לייַטיש,
און ער איז צוריק געוואָרן יענער אַדיר,
וואָס מע רעדט ביז איצטער נאָך פֿון זײַן אַדירות,
און ווי ער האָט אויסגעלייזט די ראָשי־הקהל
פֿון דאַמאַסקוס, פֿון צעווישן ציין פֿון לייבן.
גאָט זאָל אונדז אויך ווײַטער אויסהיטן פֿון צרות.

ג.) ראָטשילד

אין געציילטע טעג אַרום איז זי געקומען
מיט אַ מעשׂה נאָך אַ שענערער ווי פֿריער.

"שכנה מײַנע, נעמט אַפּריער אַ באַנבאָנע —"
און איך גיס איר אָן אַ גלעזל סעלצער־וואַסער,
מיט אַ לעפּעלע דולטשעץ, אויף צו פֿאַרזיסן.
"אײַערע אַ מעשׂה איז, קיין עין־הרע.
נישט קיין אָפּגעבאַפּטע — דאַרף מען האָבן כּוח."

מישט זי אויס דעם אײַנגעמאַכטס אין גלעזל וואַסער,
גיט אַ זופּ — "אַ דאַנק" — און גייט באַלד צו צום ענין:
"אַז איר שרײַבט שוין, זאָגט זי, וועגן מאָנטעפּיאָרען,
וואָלט איך אײַך געעצהט, איר זאָלט אויכעט שרײַבן
וועגן אַנשל ראָטשילדן — ס׳אַ גוטע טעמע.

איר׳ט געהערט די מעשה פֿון זײַן קאַסע־קאַסטן?"
נאָר איך שאָקל מיט קאָפּ אויף ניין, כ׳וויל הערן
ווי די מעשה, וואָס אַיעדער, דאַכט זיך, קען זי,
וועט אויף אירע ליפּן באַלד זיך נעמען שלענגלען.

"אָט דער ראָטשילד האָט געהאַט אַ קאַסע־קאַסטן
ווי אַ זאָל די גרייס — אַ בינין אין אַ בינין.
מ׳האָט געקענט אַרײַן אַהין מיט פֿערד און וואָגן.
נו, ווער ראָטשילד איז געווען — דאַרף איך אײַך זאָגן?

אי צו גאָט און אי צו לײַט — מע זעט אַזוינס נישט.
ממש: תּורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול.
און די צדקה זײַנע — גאָטעניו געטרײַער!
צי אומזיסט דען קלינגט די וועלט מיט זײַן נדבנות
הײַנט נאָך, ווען ער איז שוין לאַנג אַ שוכן־עפּר?
קומט צון אים אַן אָרעמאַן, צי סתם אַ ניצרך.

קומט אַ נישׂרף, אָדער אַ מדינה־גייער
וואָס ער האָט אַ מיידל חתונה צו מאַכן,
און קיין נדן האָט ער נישט — כאָטש נעם צערײַס דיך,
און ער וואָגלט שוין אַ צײַט און קלאַפּט אין טירן,
און ער ווײַזט אַ כּתבֿ, געווירעט און געכּתיבֿהט,
מיט אַ שיינער חתימה פֿון אַ מרא־דאתרא:
יידן, בני־רחמנים, עפֿנט אויף די הערצער —
און ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום גרויסן נדיבֿ —
עפֿנט ער פֿאַר אים דעם שיינעם קאַסע־קאַסטן
און דערלאַנגט אים מיט אַ מאָל אַזאַ נדבֿה,
אַז דער ייִד קען תּיכּף אויסדרייען דעם דישל
און פֿאַרשפּאָרט שוין מער צו קלאַפּן אין די טירן —
און פֿאַרקערעוועט זיך גלײַך אַהיים צו ווײַב און קינדער

ער איז שוין, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, געהאָלפֿן,
און אַ דאַנק ר׳ אַנשלען, דעם שליח זײַנעם.
אָט אַזוי האָט זיך געפֿירט ר׳ אַנשל ראָטשילד
אַלע זײַנע יאָרן, ווײַל ער האָט פֿאַרשטאַנען
און ער האָט געזען, אַז וואָס ער גיט אויף צדקה,
איז אים גאָט ממלא, און אַפֿילו מערער.
און ר׳האָט נישט נאָר מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן
די נדבֿה, נאָר בסבֿר פּנים יפֿות
און געדאַנקט דערפֿאַר, ווײַל ווער איז דאָ מזכּה
ווערמען מיט אַ מיצווה? ר׳האָט עס גוט פֿאַרשטאַנען

איין מאָל, אָבער, האָט דער שׂטן אים פֿאַרטשעפּעט,
נאָר די מיצוות־צדקה איז אים בײַגעשטאַנען —

ווי אַזוי? נו, דאָס איז צו אַ לאַנגע מעשה,
כ׳על זי אָבער צוליב אײַך אַ ביסל קירצן.
אַט דער שׂטן האָט שוין לאַנג געזוכט אַ רגע,
ער זאָל אים אַ באָקנפּיסל אונטערשטעלן,
נאָר ר׳ אַנשלען קען מען אַזוי גרינג נישט כאַפּן.
סײַ ווי, לאָמיך אײַך נישט ציִען די נעצאָמעס:
איין מאָל שטייט ר׳ אַנשל אין זײַן קאַסע־קאַסטן,
ס׳איז שוין מינחה־צײַט, ער פּילט עס אין די אויגן —
קומט אַרײַן אַ דינער און ער לאָזט צו וויסן,
אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ מדינה־גייער —
זאָגט אַ בייזלעכער ר׳ אַנשל: זאָל ער קומען.
ברענגט מען דעם פֿאַרמאַטערטן מדינה־גייער
טאַקע דאָרט אַהין צון אים אין קאַסע־קאַסטן,
און ער גיט אים טאַקע תּיכּף אַ נדבֿה,
גאַנץ אַ לײַטישע, ווי ס׳איז געווען זײַן דרך,
אָבער עפּעס קאַלט, און ס׳גיט אין אים אַ בורטשע,
און אַ שלענגל פּליט פֿאַרבײַ אין זײַן מחשבה:
כ׳זאָל נישט זינדיקן, נישטאָ קיין טאָג, מיר דאַכט זיך,
עמעץ זאָל נישט קומען, און אַפּילו צווייען —
פֿונעם גאַנצן גלות קומט מען צו ר׳ אַנשלען —
אמת, כ׳האָב פֿון וואַנען, דאַנקען גאָט, נאָר אָבער —

ר׳האָט דעם ייִדן אָפּגעפּטרט אין דער גיכן,
אָן אַ "גייט געזונט", ווי איינער רעדט: און גייט אײַך.
שטייט דער ייִד פֿאַרשעמט, אים שיילט זיך אָפּ דאָס פּנים

ר׳האָט נאָך אין זײַן לעבן נישט באַדאַרפֿט צו קיינעם —
פֿון אַ קלעם אַרויס פֿלעג תּמיד גאָט אים העלפֿן,
אָבער איצט איז ער אַראָפּ פֿון דער מדרגה,
און ס׳איז באו מים און ער פֿילט: ער עקט זיך,
און ר׳איז קוים אַהער דערשוווּמען בעטן רחמים —

תּמיד פֿלעג ר׳ אַנשל פֿילן די מחשבות
פֿון אַ ייִד, וואָס קומט צון אים נאָך אַ נדבֿה,

תּמיד יאָ און דאָס מאָל נישט — און ס׳איז פֿאַרפֿאַלן.
נו זשע — ״יענע לײַט״ באַדאַרפֿן דאָך נישט מערער...
אַז ר׳ אַנשל האָט אַרויסבאַלייט דעם יידן,
און ער איז אַרײַן צוריק אין קאַסע־קאַסטן,
האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ, קען זײַן פֿון מידקייט,
און ער איז אַרײַן ווי אין אַ טיף חלשות,
אַ חלשות טאַקע, אָבער מיט אַ חלום:
ר׳איז אַן אָרעמאַן און גייט איבער די הײַזער.
איין מאָל, צוויי מאָל פּרוווט ער זיך און זאָגט: כ׳בין
ראָטשילד —
קוקט מען, נעבעך, אויף אים ווי אויף אַ צעדרייטן.
יידן זענען בני־רחמנים, טרײַבן אים נישט
חס־ושלום, און מע גיט אים אָפּצועסן
און דערצו נאָך אַ נדבה אין דער טאָרבע.

וואָגלט ער אַזוי חדשים, אפֿשר יאָרן,
און ער נעכטיקט אומעדום אין די הקדשים
ר׳האָט שוין אָנגעשלאָגן אַזש צו די קיטײַצעס,
און עק וועלט צו ווילדע מענטשן אין די דזשאָנגלען
צווישן מענטשן־פֿרעסערס, און האָט קוים אַסקאַפּעט.
וויל ער זיך דערמאָנען, ווי ס׳האָט אָנגעהויבן
אָט דער וואָגל זײַנער און ווי לאַנג ער ציט זיך —
קען ער נישט, און מיינט: ער איז אַראָפּ פֿון זינען.
ער געדענקט נאָר בלויז זײַן נאָמען: אַנשל ראָטשילד,
אַז ער זאָגט אַ מאָל אין הקדש: איך בין ראָטשילד.
לאַכט מען פֿון אים און מע האַלט זיך בײַ די זײַטן:
אויבע איר זענט ראָטשילד, בין איך אליהנבֿיא.
וויל ער עס שוין מער נישט ברענגען אויף די ליפּן,
נאָר ער שטיקט עס אין זיך און ער וואָגלט ווײַטער.
אָן אַ לוח וואָגלט ער, און אָן אַ סידור,
און ער ווייסט נישט ווען ס׳איז שבת, ווען ס׳איז יום־טוב.
ר׳האָט שוין אַזש, פֿון קלעמעניש, פֿאַרגעסן תּפילות,
וואָס ער האָט אַ מאָל געקענט פֿון אויסנווייניק.

ער געדענקט אַפֿילו שוין נישט, ווי מײַן לעבן,
ווי דאָס ווײַב זײַנס האָט געהייסן, און די קינדער.
אין די נעכט אָן שלאָף פֿאַרגיסט ער טײַכן טרערן:
ווײ, ווער ווייסט, צי וועלן זיי אים נאָך דערקענען
נאָך אַזוי פֿיל יאָרן וואָגלעניש און בידע.
ר׳איז געווען אַ מאָל אַ גבֿר, בײַ אַלע [illegible] כוחות —
איצט איז מערנישט ווי אַ שײַן פֿון אים געבליבן.
און זיי טראַכטן זיך מסתּמא דאָרט אַצינדערט:

ווו איז ער אַהינגעקומען, אונדזער שפּײַזער?
רוצחים האָבן אים פֿאַרשלעפּט ווו אויף אַ וויספּע,
און אים פֿאַר אַ שקלאַף פֿאַרקויפֿט — צו ווילדע
מענטשן,
און מע פּײַניקט אים, מע צאַפּט פֿון אים די בלוטן.
יאָ, כ׳על אויסגיין — זאָגט ער — אין אַ וויסטן הקדש
ערגעץ אין דער ווײַט, און קיינער וועט נישט וויסן
ווו מײַן קבֿר איז, ווו מײַנע ביינער ליגן,
און די קינדער וועלן נישט קיין קדיש טאָרן זאָגן,
און מײַן טײַער ווײַב וועט בלײַבן אַן עגונה. —

ביזקל איין מאָל איז ער זיך אַזוי פֿאַרגאַנגען
אין אַ נאַכט אַזאַ אָן שלאָף און מיט קאָשמאַרן,
אַז ער האָט אַ הילכיקן געשריי געגעבן:
גאָט, איך קען שוין מער נישט, נעם מיך צו פֿון דאַנען! —

און —
ער עפֿנט ד׳אויגן, זעט ער, אַז ער ליגט גאָר
אויף דער סאָפּע זײַנער אינעם קאָסע־קאַסטן,
וואָס ער פֿלעג, געוויינטלעך, כאַפּן דאָרט אַ דרימל.

שטייט ער אויף און גייט אַרײַן אין בית־המדרש
טאַקע דאָרט, בײַ אים אין הויף, ווו ס׳וואַרט אַ מנין,
ווי געוויינטלעך, און מע וואַרט אויף אים מיט מינחה —
קיינער גייט אים נישט אַקעגן מיט קיין חידוש.

ער אַליין נאָר חידושט זיך — און זאָגט נישט גאָרנישט.
וואָס וועט ער דערציילן? ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען
ווי אַזוי, פֿון וואַנען ס׳איז אים אַלץ געקומען.

און אַז דער בעל־תּפילה האָט אַ זונג געגעבן
"אַשרי", און דער עולם ט׳אָנגעהויבן דאַוונען,
האָט ר׳ אַנשל זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל
און געזיפֿצט, בשעת דער שטילער שמונה־עשרה,
און, אַז קיינער זאָל נישט זען, געווישט די טרערן."

איצטער, ווי בײַם סוף פֿון יעדער מעשׂה אירער
האָט מײַן גוטע שכנה גלײַך צו מיר געווענדט זיך
מיט אַ ווײל געמיינטער עצה: נו, ר׳ שכן,
איר וועט שוין אַליין פֿאַרענדיקן די מעשׂה
ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן — מע דאַרף דאָך אײַך נישט
לערנען."

זי׳ט אַ זיפֿץ געטון, ווײַזט אויס זיך אײַנגעמידיקט:
"האָט אַ גוטן טאָג" — און שטיל אַוועק, ווי תּמיד.

פֿראַנץ יאָזעף, איינקאָגניטאָ

(מלכן און מאַשען — אַ מתּנה)

אין אַ וואָך אַרום איז זי אַרײַנגעקומען
מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַ שמייכל.
ז׳האָט זיך אומגעקוקט, האָט זיך מיר אויסגעדאָכטן,
ווי זי זאָל דאָ קומען מיר אַנטפּלעקן סודות.

"כ׳האָב אײַך הײַנט געברענגט אַ מעשׂה, ליבער שכן,
וואָס לא מעשׂו אַבותינו — אין דער אמת
איז עס נישט קיין מעשׂה, נאָר — ווי ס׳הייסט בײַ אײַך
דאָרט

אין דער שפּראַך, דער שרײַבערישער — עפּיזאָדן.
לאָז זײַן עפּיזאָדן, נאָר איר מעגט עס הערן.
גלייבט מיר, איר זאָלט װעלן, קענט איר פֿון זיי מאַכן
אַ ראָמאַן מיט אַלע גוטע זיבן זאַכן,
און מיט אַ פּראָלאָג, און װוּ איז עפּילאָגן?
מע׳ט עס בײַ אײַך ממש רײַסן פֿון די פֿינגער.
פֿון פֿראַנץ־יאָזעפֿן האָט איר געהערט, פֿאַרשטייט זיך.
יידן האָבן אים גערופֿן מלך־חסד,
אָדער מיט אַ װאַזשנעם ראָשי־תיבות: קיר״ה —
קיסר ירום הודו — כ׳דאַרף עס אײַך פֿאַרטײַטשן?
נאָר אַז ר׳האָט געהאַט אַ יידישע געליבטע
װייסט איר? ניין. נו, יאָ, פֿון װאַנען זאָלט איר װיסן?
װייל מע שושקעט זיך דערװעגן אין די װינקלען,
װי ס׳זאָל עפּעס זײַן אַ בושה צו דערציילן.
װאָס מיר בושה? כ׳מיין, סע דאַרף אונדז זײַן אַ כּבוד,
װאָס אַ פּשוט יידיש מיידל איז געפֿעלן
מיט איר שיינקייט און איר קלוגשאַפֿט אַזש דעם קייזער.

אָבער װאָס און װען געליבטע — װייסט נישט קיינער.
מאָלט אײַך, איך געדענק שוין אויך נישט אַלץ אַצינדערט,
נאָר כ׳װעל אײַך דערציילן אַלץ װאָס איך געדענק נאָך.
אוי, אַן אַלטער קאָפּ איז דאָך אַ זאַק מיט לעבער,
און דערצו נאָך — שטותים, װאָס ס׳איז אַ געלעבטער
צו דערציילן — זעט איר, דאָס געדענקט מען דװקא,
װיבטיקס, װידער, פֿליט אַװעק, װי אויף צו להכעיס.

סײַ װי, זי׳ז געװען דעם באָריסלאַװער שוחטס
ייִנגסטע טאָכטער, און געהייסן האָט זי סאַלטשע,
נאָר בײַ טאַטע־מאַמע הייסט זי שׂרה־רבקה.
ער, פֿראַנץ יאָזעף, פֿלעג זי אָבער רופֿן סאַלי.
סאַלטשע איז אים עפּעס, װײַזט אויס, נישט געפֿעלן.

איז זי איין מאָל גראָד געװען צו גאַסט ב׳אַ פֿעטער
הינטער װין, און שטייט און קוקט װי פֿייגל פֿליִען.

ס'דאַכט זיך איר: ס'איז פּייגל פּונקט ווי אין איר
היימשטאָט,
נאָר זיי פֿליען הינטער ווין אַ ביסל אַנדערש.
גיט אַ גיי פֿאַרבײַ פֿראַנץ יאָזעף, אינקאָגניטאָ,
און דערזעט זי, און דער עיקר אירע אויגן,
אירע קאַרשן־אויגן און איר שיינע טאַליע —
איז ער באַלד געוואָרן צון איר צוגעזאָטן.
ער האָט זי דערזען, איז אים געשען — ווי זאָגט מען,
אָדער, ווי מע פֿלעג בײַ אונדז אין בוקעווינע
זאָגן: ליבע אויף דען ערסטן בליק — געדענקט איר?
האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער געפֿינט אַ קראָנע
לעבן אירע טריט — האָט ער זי אויפֿגעהויבן:
פֿרוילײַן, האַבן זי פֿערלאָרן דיזע קראָנע? —
און זי איר געוואָלט דערלאַנגען, ווי סע פּירט זיך.
האָט זי פֿרום אַוועקגעווענדט פֿון אים דאָס פּנים,
און געענטפֿערט — נאָר אים דאַכט זיך, אַז זי זינגט גאָר:
ווײַס איך וואַס! דאַס איזט ניכט — מאַכט זי — מײַנע
קראָנע.
וואָס בין איך — אײַן קינד, איך זאָל פֿערלירן קראָנען?
אונד מײַן פֿאַטער ווירפֿט זיך ניכט מיט קײַנע קראָנען.

און זי'ז באַלד אַרײַן צוריק אין פֿעטערס דירה.
מײַנע צרות! — האָט זי זיך אויף זיך געבייזערט.
נאָר פֿון דעסן איז זי צוגעגאַן צום שפּיגל
און דערזען, אַז עפּעס איז זי גאָר פֿאַררייטלט.

מילא, נישט איז נישט — און ר'איז אַוועקגעגאַנגען.
נאָר ווי שטייט דאָרט: נדדה שנת־המלך,
וואָס די טײַטש דערפֿון איז, דאַרף איך אײַך נישט זאָגן.
פּראָסט און פּשוט — ער האָט אויפֿגעהערט צו שלאָפֿן.
פֿלעג ער אָפֿט פֿאַרבײַגיין פֿאַר איר פֿעטערס שטיבל —
אַלץ כּדי אַז טאָמער ווײַזט זי זיך אין דרויסן,
זאָל ער מיט איר נאָך אַ מאָל אַ וואָרט פֿאַרוואַרפֿן
נו, האָט זי זיך דווקא דעמאָלט נישט געוויזן.

אפשר האָט זי דווקאַנישט געוואָלט זיך ווייַזן.
זעט ער, ס׳איז אַ מעשׂה אָן אַ סוף. וואָס טוט מען?
האָט ער איר געגומען שיקן ליבעבריוולעך
דורך אַן אַלטן באַריסלאַווער גאַסן־קערער.
ער זאָל וויסן: ס׳איז פֿראַנץ יאָזעף אינקאָגניטאָ?

ר׳האָט פּאַמעלעך איר אַנטפּלעקט זייַן וואָרן נאָמען,
און ר׳האָט אָנגעהויבן זיך מיט איר צו טרעפֿן
אינעם באַריסלאַווער פּאַרק, און אין דער טונקל,
אויף אַ באַנק, אַ זייַטיקער, און אַלץ געשוויגן,
ביזקל ער איז ביסלעכווייַז אַרויס מיט לשון.
דאָ האָט זי זיך אָבער פֿאַר אים שטאַרק צעבליפּעט.
כ׳בעט אייַך, מאַיעסטעט, איך בין אַ פֿרומע טאָכטער
פֿון מייַן יידיש פֿאָלק — ווי קען איך עס פֿאַרלאָזן?
איז ער איר אַרייַנגעשפּרונגען אין די ווערטער:
סאַלי ליבסטע, אַך, וואָס רעדסטו? איך פֿאַרשטיי נישט.
דו — דייַן פֿאָלק פֿאַרלאָזן? איך וועל **מייַנס** פֿאַרלאָזן
כ׳האָב אין דר׳ערד דעם "שענברון" מיט די טויזנט
שטיבער,

און כ׳האָב פֿייַנט די דינערשאַפֿט מיט איר האַרמידער
ס׳איז מיר אַלץ דערעסן, זינט כ׳האָב דיך באַגעגנט —
און ער איז איר צו די פֿיס געפֿאַלן, ממש

ווי אין קלויסטער פֿאַר דער "הייליגער מאַריאַ:
איך בין דיר קיין קייַזער נישט, איך בין דייַן דינער.
רוף מיך נישט פֿראַנץ יאָזעף, רוף מיך פֿראָיעם יאָסל.
כ׳וואָלט מיט דיר אַנטלאָפֿן ביז עק וועלט אַפֿילו,
און געלעבט מיט דיר אַפֿילו אין אַ כאַטע.

ווידער אַנדערע פֿאַרשטייען, אַז ס׳איז פּשוט:
ער האָט זי געוואָלט פֿאַר זייַן קיסריניע מאַכן,
ווי ס׳איז שוין געווען אַ מאָל, אין דער מגילה.
ר׳האָט, קען זייַן, געלייענט דערוועגן אין זייַן ביבל.

סאַלי האָט דערווײַל געשוויגן און געזיפֿצט נאָר
איין מאָל האָט זי שטיל אַ זאָג געטון דורך טרערן:
אוי, איך קען נישט טאַטע־מאַמע אָנטון בושות.
כ׳קען נישט זײַן קיין קייסערינע — זײַ מיר מוחל.
און אין האַרצן טראַכט זי זיך: זאָל גאָט מיך היטן —
מער קיין צרות פֿעלן מיר נישט, נאָר אַ מלופֿה.
זי האָט נישט געוואָלט דערפֿון אַפֿילו הערן,
זיך געשראָקן פֿון דערפֿון אַפֿילו טראַכטן.
ווײ, געוואַלד, וואָס וויל ער האָבן פֿון מײַן לעבן?
מע׳ט מיך כאַפּן און מיך לעבעדיק פֿאַרברענען.
פֿון דער גאַנצער וועלט קאַטוילן וועלן קומען
קוקן, ווי אַ יידיש מיידל שטייט און פֿלאַקערט,
און סע פֿאַלן פֿון איר לעבעדיקע שטיקער,
ווײַל זי האָט געוואָלט פֿראַנץ יאָזעפֿן פֿאַרפֿירן
און אים איבעררעדן ר׳זאָל זײַן גלויבן בײַטן —
פֿון אַ האַבסבורג ווערן גאָר אַ ייִד מיט פּאות,
און ער זאָל אונדז אַלע צווינגען ווערן ייִדן.

איין מאָל האָט ער איר געקויפֿט אַ גילדן קייטל.
מיט אַ מגן־דודל — אַזוינס־אַזעלעכס!
טייל אַפֿילו זאָגן, ר׳האָט געלערנט דינים,
און גענומען פֿירן זיך צו ביסלעך ייִדיש —
נאָר אַזוי, אַז ס׳זאָל אויף אים קיין חשד נישט פֿאַלן:
רייכערן, למשל, האָט ער אויפֿגעגעבן,
כּדי ער זאָל נישט דאַרפֿן רייכערן אום שבת,
און האָט אָנגעזאָגט די קוכערס: אין זײַן עסן
זאָל, ווי מעגלעך, זיך קיין חזיר נישט געפֿינען:
דאַכט זיך מיר, איך וועל צו פֿעט, און סע פֿאַרשאַט מיר.
ר׳האָט גענומען ווינציקער אין פּאַלאַץ עסן —
פֿלעג ער אומגיין הונגעריק און נישט־דערעסן —
פֿלעג אים סאַלי ברענגען אין אַ כּשר טעפּל
עפּעס וואַרעמס פֿון דער היים, און פֿלעג זיך היטן —
פֿלעג ער כלעפּטשען אין דער טונקל און איר דאַנקען —
אָבער פֿריִער בעט ער: ר׳וויל אַ ברכה מאַכן —

זאָגט זי וואָרט ביַי וואָרט, און ער זאָגט נאָך און היט זיך
נישט צו גריַיזן אין די לשון־קודש ווערטער.
ר׳איז אַפילו איין מאָל שוין געהאַט געקומען
צון איר טאַטן פֿריַיטיק צו דער ערשטער סעודה
און באַלעקט זיך מיט די יידישע מאכלים —
דרעליעפיש און דעם בעל־שם־טובס צימעס.
מ׳האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַלע פֿענצטער גוט פֿאַרהאָנגען,
און פֿון דרויסן האָט מען צוגעמאַכט די לאָדנס.

זי׳ט געהאַט אויף אים רחמנות, נאָר געטראַכט זיך:
וואָס וועט זיַין דער סוף? אוי, העלף מיר, טאַטע זיסער.

ר׳האָט איר איין מאָל אויבעט איַינגערוימט אין אויער —
נאָר איך גלייב נישט — אַז ער׳ט קויפן ביַי די טערקן
פּאַלעסטינע, און באַזעצן דאָרט די יידן.

נו, מע פֿלעג זיך טרעפֿן — האַלט זשע קאָפּ, איך בעט
אייַך —
אויף דער באַנק אין פּאַרק, און ס׳ווייסט נאָר גאָט — מער
קיינער.
ווין איז שטיל, און עסטרייַך דרימלט, נאָר פֿראַנץ יאָזעף
שלאָפֿט נישט, נאָר ער ווערט נאָך סאַלין די פּגירה
נאָר ער פֿילט, אַז סאַליס האַרץ איז ערגעץ אַנדערש,
און ער פֿילט, אַז ער וועט עס נישט איבערטראָגן.

ר׳האָט זיך עס גענומען, זעט אויס, גוט צום האַרצן,
און אַריַינגעפֿאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע —
ער פֿלעג אומגיין אונטער דר׳ערד און אָן אַ שמייכל,
נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר סיַידנס אַז מע פֿרעגט אים.
קומען זיך צונויף די גרעסטע וועלטסדאָקטוירים
פֿרעגן וואָס דער מער איז — גיי זשע און דערצייל זיי,
אַז ער איז פֿאַרליאַפּעט אין אַ יידיש מיידל,
נאָר, געוואַלד, ער קען דאָס האַרץ אירס נישט געווינען,
און אַז זי וועט אים נאָך טריַיבן יונג אין קבֿר.

אין די קירכעס האַלט מען אָפּ ספּעציעלע מעסעס,
עסטרײַך־אונגערן — מע שווײַגט נישט, מ'איז צערודערט
אונדזער קייזער איז פּאַראָומערט, עפּעס דריקט אים.

טאַטע־מאַמע, זאָגט מען, האָבן מיט דער טאָכטער
שוין געהאַט אַפּילו איין מאָל אַ מדובר:
אפּשר, שׂרה־רבקה טאָכטער, פּאַרט? באַקלער דיך —
נאָר זי וויל דערפֿון נישט הערן — און פֿאַרפֿאַלן.
זי'ט געהאַט געוואָרפֿן שוין אַן אויג, דערציילט מען,
אויפֿן באָריסלאַוווער דיינס אַ פּלעמעניק,
גאָר אַ יונגער אַלמן מיט צוויי קליינע קינדער,
און דער שענצטער יונגערמאַן אין גאַנצן שטעטל.

כ'וואָלט אײַך נאָך געקענט דערציילן און דערציילן,
נאָר ס'איז צײַט אַ פּינטעלע אַוועקצושטעלן.
דאַרף איך אפּשר נאָך איין קלייניקייט דערמאָנען,
וואָס איז אויך נישט מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן:
זי, די קייסעריניע, איז געווען אַ כּלבֿטע,
און פֿלעג קניִען גאַנצע טעג פֿאַר אַן איקאָנע,
מיט די פּאַטשערעס אין אירע דאַרע פֿינגער,
און נישט אויפֿגעהערט זיך צלמען, און פּרעפּלען,
און צו גלאָצן מיט די אויגן צו דער סטעליע.
און זי פֿלעג פֿראַנץ יאָזעפֿן דערגיין די יאָרן:
בעטעסט ניכט, מײַן מאַן, גענוג צו גאָט אים הימל,
קניסט צור מוטער גאָטעס ווי אין גראָסער אײַלע.

און דעם שוחטס טאָכטער איז געווען אַ שיינע,
און מסתּם באַטעמט ווי קאָרנברויט מיט פּוטער,
און דאָס קול אירס האָט געגלעט בײַ דער נשמה.

אָבער איצטער קומט דער אָבער, ליבער שכן,
און מיט אים — אַ סוף צו יעדער שיינער מעשׂה.
עמעץ דרייט דאָס דריידל — און אַ נאַריש מענטשל
וויל צו מאָל זיך מישן — פֿרעגט זשע נישט קיין שאלות:
פֿריער — שפּעטער בלײַבט ער מיט אַ נאָז, מחילה.

וואָס ס׳איז מיט פֿראַנץ יאָזעפֿן געוואָרן? כ׳ווייס נישט.
ער האָט ביטער אָפּגעשניטן — און פֿאַרפֿאַלן.
ר׳איז אַריין אין קבֿר מיט אַ וווּנד אין האַרצן.
ווער איז שולדיק? פֿרעגט מיך בעסער עפּעס אַנדערש.
כ׳קען מיר איצט דערמיט נישט עקבֿערן דעם מוח.

נאָר איר׳ט באַלד אַליין דערזען, אַז דער פֿון אויבֿן —
ניין, ער שלאָגט נישט מיט צוויי שטעקענעס אויף איין
מאָל.
אַז מע זאָגט ביי אונדז: דער אייבערשטער זיצט אויבן
און ער פֿאַרקעט אונטן — מעגט איר הייליק גלייבן.
אָט, בשעת די סאַלי איז געווען פֿאַרנומען
מיט פֿראַנץ יאָזעפֿן, און פֿלעג פֿון אים אַנטלויפֿן,
זיך באַהאַלטן גאַנצע טעג ביי זיך אין אַלקער,
און נישט ווייזן זיך אין גאַס אויף גאַנצע וואָכן —
האָט דער יונגער אַלמן נישט געוווּסט פֿון גאָרנישט,
און געשטעלט אַ שטילע חופּה מיט אַ שוועסטער
פֿון זיין ערשטן ווייב — געפֿעלט אייך אַזאַ מעשה?

נו, אַז סאַלי האָט דערהערט אַזאַ מין מעשׂה,
איז זי אין אַ שיינעם טאָג אַריין ווי׳ן וואַסער.
מ׳האָט גערעכנט, מיינע שׂונאים, אַז נישט אַנדערש,
נאָר זי האָט זיך אויף אַן אמתן דערטראָנקען.
טאַטע־מאַמע זענען איינגעגאַן פֿון ווייטיק
און פֿון בושה : סטייטש, אַ טאָכטער זאָל פֿאַרשווינדן!
אפֿשר האָט מען זי געכאַפּט און זי פֿאַרשלעפּט ווו
קיין אַמעריקע, צי גאָר קיין בונעסיירעס
און אויף אייביק, ווי איז מיר, זי דאָרט באַגראָבן
כ׳וויל נישט זאָגן ווו — איך וויל דערפֿון נישט רעדן — ?
טאַטע־מאַמע שעמען זיך אין גאַס אַרויסגיין
און די גאַנצע שטאָט גייט כּאַדאָראָם און וויגט זיך.

ביזקל אין אַ שיינעם טאָג קומט אָן אַ בריוול
פֿון ניו־יאָרק, אַז זי׳ז בשלום אָנגעקומען,

און זי וויינט ב׳אַ פּעטער, בײַ איר מאַמעס ברודער,
און מע רעדט איר דאָרטן שוין אַ שיינעם שידוך
מיט אַ שכנס זון, וואָס האָט אַ שניטגעוועלב, און
מע׳ט אין גיכן, שרײַבט זי זיי, אַ חופּה שטעלן,
ווײַל דער חתן זאָגט, אַז זי׳ז אים שטאַרק געפֿעלן.
זאָלן טאַטע־מאַמע, שרײַבט זי, זיך נישט זאָרגן.
און אַז גאָט וועט וועלן — אין אַ יאָר צי צווייען —
וועט זי קומען מיטן מאַן צו גאַסט, און אפֿשר
אַ מתנהלע, אַן אייניקל זיי ברענגען.

כ׳וויל אײַך אָבער, איידער איך פֿאַרגעס, דערציילן
נאָך אַ זאַך, וואָס איז געשען אַ ביסל פֿריִער
מיט פֿראַנץ יאָזעפֿן, נאָר אָן אַ לינקער ליבע.
מיט אַ ליבע — יאָ, נאָר פֿון אַן אַלטער מאַמען
צון איר זון, און פֿון איר זון צון איר, דער מאַמען.
ער — אַן עסטרײַכישער זעלנער אויף די פֿראָנטן,
זי — אַן אָרעמע אַלמנה אין בוקעווינע.
דאָס איז דאָך די סאַמע אמתדיקסטע ליבע.

איידער נאָך פֿראַנץ יאָזעף האָט זיך שלעכט
פֿאַרפּלאָנטערט
מיט דער סאַלין, און האָט ביטער אָפּגעשניטן,
און אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע,
וואָס ס׳איז גלײַכער ווינציקער דערפֿון צו רעדן —
איז ער איין מאָל אינקאָגניטאָ אויפֿן שלאַכטפֿעלד,
אײַנגעהילט די באַקנבאָרד אין אַ פֿאַטשיילע.
זעט ער: זיצט אין אַן אָקאָפּע, בײַ אַ ליכטל,
אַ סאָלדאַט, און מאַטערט זיך, און שרײַבט אַ בריוול,
טונקט דעם בלײַער אין דער צונג און בורטשעט,
בורטשעט :
די צענזור מעג — זאָגט ער — ברענען ווי אַ פֿײַער!
איך — דאַרף שרײַבן דײַטש צו מײַן געטרײַער מאַמען?!
דײַטש באַדאַרף זי קענען? יידיש איז נאָך ווינציק?
זי איז נישט געגאַנגען אין קיין דײַטשע שקאָלעס!

דאַוונען אין קרבן־מינחה איז נאָך ווינציק?!
און די צאינה־וראינה לייענען — איז נאָך ווינציק?
איך דאַרף שרײַבן דײַטש? אַ קאַלטער שוויס באַגיסט מיך —
און דערנאָכדעם ערשט זאָל זי נישט קענען לייענען,
און באַדאַרפֿן אָנקומען צו פֿרעמדע רוחות.
ברענען זאָל דער דײַטשער צענזאָר דער משומד —
ער איז דאָך נישט ווערט מײַן מאַמעס מינדסטן נאָגל!
קראַנק איז ער געווען זיך אויסצולערנען ייִדיש?
איך זאָל קענען לײַטיש דײַטש, וואָלט איך געשריבן
גלײַך צום קײַזער, און געבעטן, ר׳זאָל מיר זאָגן
ווו ס׳איז יושר, ווו ס׳איז מענטשהײַט? מוזן טאַקע
אַלע זײַנע זעלנערס און די טאַטע מאַמעס
קענען דײַטש? און זייער אייגן לשון טויג נישט?
כ׳וואָלט געמאַכט דעם שיינעם צענזאָר מיט דער בלאָטע.
נאָר זײַן פֿינצטער מזל איז: איך קען קיין דײַטש נישט.
איך האָב אָפּגעדריגעט קוים צוויי קליינע זײַטלעך
צו דער מאַמען — מערער האָב איך נישט קיין כוח.

און דער גאַסט, פֿראַנץ יאָזעף, מאַכט זיך תמעוואַטע,
און ער פֿרעגט אים, ווו סע וווינט די מאַמע זײַנע.
ענטפֿערט יענער: מוזסט עס שטאַרק געניייטיק וויסן?
אין איצקאַן, וואָס לעבן שאָץ, אין בוקעווינע.
— און ווי הייסט זי, זאָג זשע מיר, די מאַמע דײַנע?
— האָדיע שנײַדער, אין אַ שטיבל לעבן קלויסטער.
איך בין, הייסט עס, יאָזעף שנײַדער, זאָהן דעס יאַקאָבס.
—
— זײַ זשע וויסן, יאָזעף אַז דו ביסט אַ גליקסמאַן:
מאָרגן גייט אַוועק מײַן רעגימענט פֿון דאַנען,
און מיר ציִען זיך קיין שאָץ אין בוקעווינע. —
— הער אַ מעשה! טאַקע נאָר ווי אין אַ מעשׂה!
— גיב זשע מיר דעם בריוו, און כ׳שווער בײַ גאָט אין הימל:

כ׳וועל אים איר אַליין אין ד׳העגט אַרייַן דערלאַנגען,
און נאָך צולייגן אַ גרוס פֿון דיר פּערזענלעך.

שיין און וויל — אַ נס! פֿראַנץ יאָזעף נעמט דאָס בריוול
גלייַך קיין שאָץ און קיין איצקאַן און צו דער מאַמען —
אויך, פֿאַרשטייט זיך, אינקאָגניטאָ, ווי דען אַנדערש? —
און דאָס פּנים איז פֿאַרוויקלט אין אַ שאַליק.
— וואָהנט דאַ האָדיע, מוטער דעס סאָלדאַטן יאָזעף?
האָט די מאַמע זיך דערשראָקן: — אוי, מייַן יאָסל!
זאָגט מיר, וואָס ס׳איז אים געשען — געוואָלד איך חלש.
זאָגט ער: — גאָרנישט, אָט־אָ שיקט ער אייַך אַ בריוול —
און ער גיט עס איר, און זי צעוויינט זיך נעבעך.
— וואָס איז — מאַכט ער — דאָ בייַ אייַך אַזאַ מין קעלטע?
זאָפּערן איז מיר אַרייַן אין אַלע פֿינגער.
זאָגט זי: — הייַנט איז שבת, מאַכט מען נישט קיין פֿייַער.
— שבת — זאָגט ער — אָ! און הייצט איר אייַן די הרובע,
און ער נעמט און גיסט זיך אָן אַ גלעזל וואַרעמס,
און ער גיט אַ זופּ, און בעט אַ קלעצל צוקער.
— אפֿשר וויל ער — פֿרעגט זי אים — אַ גלעזל בראָנפֿן
מיט אַ שטיקל חלה? — זאָגט ער — ניין, איך דאַנקע.
און ער עפֿנט אויף דעם בריוו און הייבט אָן לייענען,
און די מוטער זיצט אַקעגן אים און כליפּעט.

מילא, כ׳דאַרף אייַך נישט דערציילן, וואָס אַ זעלנער
שרייַבט זייַן אַלטער מאַמען, ערגעץ פֿון די פֿראָנטן,
ווו אַ ליאַדע רגע קען, חלילה, טרעפֿן —
כ׳וויל עס גאָרנישט איבער מייַנע ליפּן ברענגען.
אייַך, אַ דיכטער, וואָס די גאַנצע וועלט האַלט טייַער,
און די גרעסטע שרייַבערס לויבן אייַך אין הימל,
דאַרף איך זאָגן, וואָס אַ זעלנער שרייַבט דער מאַמען?
וואָס זשע, די פֿאַנטאַזיע אייַערע, די טיפֿע,
שלאָפֿט, חלילה, און איך דאַרף איר אונטערהעלפֿן —

איך, אַן אַלטע שכנה און אַ פשוט נפֿש?

אויפֿן צווייטן זײַטל הייבט ער אָן פֿון אָנהייב:
— ליבסטע מוטער — שרײַבט ער, אַלץ אויף דײַטש,
— פֿאַרשטייט זיך —
אַך, איך וואַר אויף אײַנער גראָסן, גראָסן האָכצײַט,
געסטע וואַרן טויזנטער, אין שיינע טראַכטן,
די מוזיק וואַר שיין, מיט פויקן און טראָמפּעטן,
האָלישקעלעך זינד געפֿלאָגן אין דער לופֿטן —
האַב איך אויך געפֿאַנגען אײַנס — און כ׳האַב געחלשט
איך האַב עס מסתּם צו גיך אַראָפּגעשלונגען,
האַט עס מיר פֿאַרשאַט, נאָר זאָרג ניכט, מוטער —
זעסט דאָך, אַז איך שרײַב דיר, דאַנקען גאָט, אַ בריוול.

כאַפּט זי זיך בײַם קאָפּ, די מאַמע: — ווײ מײַן לעבן!
ער איז נעבעך אַ גערײַניעטער, מײַן יאָסל!

וויל דער גוטער ערל איר די ציין פֿאַררעדן:
— אַבער וואָ, דאַס איזט ניכט מעגליך! — לאָזט זי זיך
נישט:
— ס׳איז אַ שלאַכטפֿעלד מיט פּאַטראָנען, ווײ מײַן לעבן!
ער באַהאַלט עס פֿאַרן צענזאָר, ווײ מײַן לעבן!
לייען שוין ווײַטער, ווײ מײַן לעבן, לייען שוין ווײַטער!
לייענט ער ווײַטער, און זי כליפּעט, אַז דערנאָכדעם
האָט מען קיין ווין פֿאַרבעטן צון אַ תּנאָים
אין אַ הויז, וווּ אַלע גייען אום אין ווײַסן —
אַ משפּחה מיט איך ווייס נישט וויפֿל שוועסטער —
כ׳האָב אין אײנער מיך פֿאַרליבט און איר געגעבן
אַ געשפּיצט סערוויעטקעלע, און אָנגעשריבן:
מר לי, אמי, מר — מאין יבוא עזרי.
דאָס איז לשון־קודש, און די טײַטש דערפֿון איז:
כ׳האָב דיך זייער ליב, דו ביסט מיר שטאַרק געפֿעלן.

נאָר די מאַמע לאָזט אַרויס אַ נײַ געיאָמער:

— אוי, ס׳איז אַ שפּיטאָל — אַז ווײ און ווינד דער
מאַמען!
ווײ, ווי לאַנג וועט מען זיך איינס דאָס צווייטע קײַלן?!
וויפל וועט מען נאָך אומשולדיק בלוט פֿאַרגיסן?!
בראַנדיק זאָלן ווערן אַלע גענעראַלן,
סײַ פֿראַנץ יאָזעפֿס, סײַ דעם צאַרס — אַ וויסטע ניכפּה
זאָל זיי אַלע כאַפּן און זאָל זיי דערוואַרגן!
יונגע סאָסנעס — קינדער — נעמט מען און מע וואַרפֿט
זיי
לעבעדיקע אין געפּערלעכסטע סכּנות.
ווייסן נישט די קײַזערס און די גענעראַלן,
אַז ווען דער, וואָס כ׳האָב מיר נישט די הענט געוואַשן,
האָט אויפֿן באַרג סיני, אינעם לאַנד כּנען,
משהן אין די הענט דערלאַנגט די צען געבאָטן,
האָט ער העט פֿון אויבן אויסגעקריצט מיט בליצן,
אַז מע טאָר חלילה נישט קיין בלוט פֿאַרגיסן.
און סע שטייט דאָרט ווײַטער: אויב איר וועט נישט פֿאָלגן,
וועל איך נאָך אַ מאָל אויף אײַך אַ מבול ברענגען.
קומען זאָל אַ מבול אויף די גענעראַלן
און אויף אַלע קיסרים, גאָטעניו געטרײַער —
אָבער וואָס איז דאָ מײַן יאָסל נעבעך שולדיק?

ז׳האָט אים גוט אַרײַנגעלאַמורט — ער׳ט געדענקען.
און פֿראַנץ יאָזעף זאָגט איר שוין אַצינד נישט גאָרנישט
נאָר ער נעמט געהיט דאָס ליידיקע קאָנווערטל,
דרייט זיך אויס און מאַכט אַ צוויי דרײַ טריט, ווי גאָרנישט
עפּעס לייגט ער דאָרט אַרײַן, און קיינער זעט נישט,
און ער לייגט עס אויפֿן טיש אַוועק, אין ווינקל,
און ער זאָגט „אַ גוטע נאַכט“, און זי באַלייט אים,
און זי ווינטשט אים עולם־הבא — פֿאַרן בריוול:
— האָסט געהאַט אַ מיצווה, זאָל דיר גאָט באַצאָלן.

זי באַנעצט די הענט און זאָגט „גאָט פֿון אַברהם“,

און זי הערט דערבײַ נישט אויף די אויגן ווישן,
און זי דריקט דאָס בריוול שטאַרקער צו צום האַרצן.
מיינט איר דאָך, אַז דאָס איז שוין די גאַנצע מעשׂה?
הייבט זיך גאָרנישט אָן. דער עיקר קומט ערשט איצטער:
אָפּגעזאָגט "גאָט פֿון אברהם" מיט געבליפּע,
גיט זי זיך אַ טראַכט, אַז אָט אַזאַ מין בריוול
טאָר מען נישט אַהינטון — זי'ט עס וועלן לייענען
מאָרגן נאָך אַ מאָל, און איבער מאָרגן — ווידער.
זעט זי דאָס קאָנווערטל, נעמט זי עס און עפֿנט —
נו, וואָס מיינט איר — ליגן נישט דערין קיין פֿינעף
קנאַקעדיקע ת"קערלעך? ווי איך דערצייל אײַך —
און צו די באַנקנאָטן איז נאָך צוגעדרעטלט
אַ פּאַפּירל, און סע שטייט הערויף Franz Josef

כ'ווייס, איר'ט זאָגן: ס'שפּילט בײַ אים אַ גרויסע ראָלע,
וואָרן זײַן עשירות האָט דאָך נישט קיין גרענעץ —
מיט אַ הונדערטער פֿאַררייכערט ער זיך, זאָגט מען,
אַ ציגײַער, און ער בײַט די העמדער, זאָגט מען
דרײַ מאָל דורכן טאָג, און נאָך אַזוינע זאַכן.
איך בין מיט אײַך מסכּים: ר'האָט נישט מײַנע צרות,
און פֿון מײַנע קלעמענישן ווייסט ער אויך נישט
אָבער לאָמיר זיך דערוועגן איצט נישט שפּאַרן.
איך דערצייל וואָס איך דערצייל — און אָן פּירושים.
כ'בין מיך היינט סײַ ווי צו לאַנג בײַ אײַך פֿאַרזעסן.
מײַנע אַלטע ביינער מאָנען שוין אַ דרימל.

נאָך אַ זאַך פֿאַרשרײַבט, אויב אײַך איז ניחא:
איך האָב, מאָלט אײַך, נאָך פֿאַרכאַפּט די אַלטע האָדיע.
עלטערע פֿון מיר געדענקען נאָך די גאַנצע מעשׂה —
האָב איך זי געהערט פֿון זיי. מע'ט זאָגן ליגן?
זאָגן אַלע, אַז זי איז געבליבן וווינען
אין איצקאַן, וואָס דאָרטן ווינט זי זינט געבוירן.
ז'האָט דאָרט אָפּגעפֿינצטערט, זאָגט זי, אַלע יאָרן —

ווען זי איצטער, אויף דער עלטער, גיין זיך ציִען?
זי׳ט פֿאַרריכט דעם דאַך פֿון איר ירושה־שטיבל,
און איז אין אַ טיפֿער עלטער דאָרט געשטאָרבן,
אינעם בעט, ווו זי איז אויף דער וועלט געקומען.
נאָר דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אַן עדות,
אַז ז׳האָט אויסגעטיילט צדקה, מער ווי מעשׂר,
פֿונעם אוצר, וואָס איז איר אַרייַנגעפֿאַלן.
סײַ ווי, זי איז ווערט, אַז איר זאָלט זי באַשרייַבן.

האָט זשע מיר, איך בעט אײַך שיין, אַ גוטן תּמיד,
און מע זאָל זיך זען אין גיכן און אין פֿריידן" —
און זי האָט אַ קוש געגעבן די מזוזה.

כ׳בין אַוועק אין דאָרף אויף זומער, אויף וואַקאַציע,
און מיט איר אַפֿילו רעכט זיך נישט געזעגנט.
ווער זאָל וויסן?... און אַז כ׳בין אַהיימגעקומען,
האָט מײַן גוטע שכנה שוין געהאַט געפֿעלט זיך.
ברוך דיין אמת. וויפֿל שיינע מעשׂות
האָט זי מיט זיך מיטגענומען אין איר קבֿר?

נאָר די שיינע מעשׂות, וואָס זי׳ט מיר געלאָזן,
לאָז איך שטיין אָט ווי זיי שטייען און זיי גייען.
כ׳וויל נישט קאַליע מאַכן איר געמיטלעך לשון.
כ׳בין אַ פֿאָטאָגראַפֿטשיק? כ׳וויל נישט רעטושירן.

און אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן,
זי, מיט אַנדערע צדקניות אין איינעם.

גלאָסאַר

אַדיר — גבֿיר, עושר
אײַלע (דײַטש) — אײַלעניש
אימת־דין (איימעס) — די מורא פֿארן יענע־וועלטיקן מישפּט
אירע — נפֿשות (נעפֿאַשעס), פֿאַרשווינען
אַסקאַפּען — אַנטלויפֿן, זיך באַרפֿײַען
אַרײַנלאמורן (ליימערן) — אַרײַנזאָגן (פֿון לאמור — אַזוי צו זאָגן)
אַשרי (אַשריי) — אָנהייב פֿון מינחה־תּפֿילה.

באו מים (עד נפֿש) — דאָס וואַסער איז צוגעקומען ביז צום האַלדז
"באַלעבעסל, ווילנער" — באַוווסטער אַמאַליקער חזן
באָנבאָנע — צוקערקע
באמונה שלימה (בעמונע שליי־מע) — מיטן גאַנצן גלויבן
בהקיץ (בעהאָקעץ) — בשעת מ'איז וואַך
בור (בער) — עם־האָרץ
בורא (בוירע) — באַשעפֿער, גאָט
בין־השמשות (ביין־האַשמאָשעס) פֿאַר נאַכט
בסבר־פּנים־יפֿות (בעסייווער פּ. יאָפֿעס) — מיט אַ פֿרײַנדלעך פּנעם
בעשט — (ר' ישׂראל) בעל־שם־טוב
בקיצור נימרץ — שטאַרק בקיצור
ברוך דיין (דאַיען) אמת — געבענטשט זאָל זיין דער גערעכ־טער דײַן (גאָט);
ברוך השם יום־יום — געלויבט איז גאָט טאָג בײַ טאָג
בת תּחילה — אַז דאָס ערשטע קינד איז אַ מיידעלע, איז עס אַ גוטער סימן פֿאַר קינדער־האָבן.

גבֿר (גוואַר) — געזונטער, שטאַרק געבויטער מאַן
גדר (ווי חדר) — פּלויט אַרום אַ בית עולם
גמילת־חסד — הלוואה
געסודע (געסוידע) — געשושקע פֿון סודות

דבקות (דווייקעס) — הייסע כּוונה
דולטשעץ — אײַנגעמאַכטס

האָכצײַט (דײַטש) — חתונה
הבן יקיר לי אפֿרים — "איז מיר אַ טײַערער זון אפֿרים".

וואָרעט — די וואָר, וואָרהייט
ווירפּט זיך ניכט — וואַרפּט זיך נישט.

זאַפּערן — פּראָסטשפּילקעס
זוהר (זוהער) — ליכטיקייט

חסד, חסדים (ווי חדר) — גענאָד, טובֿה

חשבון־צדק (צעדעק) — דער חשבון, וואָס מע דאַרף אָפּגעבן אויף יענער־וועלט.

טימאָטיי — אַזאַ פֿוטערגראָז
טענערלעך — יונגע טענאָרן
טראַכט — הלבשה, מלבושים

יהי — זאָל ווערן [ליכט]
"יענע לײַט" — די נישט־גוטע, די שדים
ירוחם הקטן — באַוווסטער אַמאַ־ליקער חזן.

כּיד (קעיאַד) המלך — מיט אַ ברייטער האַנט, ווי אַ קיניג קען זיך פֿאַרגינען

כּיסא־הכּבֿוד — דער געטלעכער שטול

גלאָסאַר

כּפירה — אַפּיקורסות

ביצ׳דאַרגע — געמיינער מענטש (פֿון נחות־דרגא).

לא מעשׂו אבותינו — אונדזערע אבות האָבן אַזוינס נישט געמעשׂהט.

לפּי־תּומה (טומאָ) — נאַיִווערהייט

מאין יבוא עזרי (מייאַין יאָווו) — פֿון וואַנען זאָל קומען מײַן הילף

מודה־ומתוודה (אומיסוואַדע) זײַן זיך — אין גאַנצן זיך מודה זײַן

״מודים״ — אַ תּפילה (אין דער שמונה־עשׂרה), ווו מע פֿאַרנייגט זיך

מדובר — שמועס

מזכּה (מעזאַקע) — זײַן באַגליקן עמעצן

מחילה — (איר זאָלט מיר) מוחל זײַן

מטורף (מעטורעף) — משוגע

מיקלט (מיקלעט) — אַן אָרט צו אַנטרינען

מכניע (מאַכניִע) **זײַן זיך** — זיך בוקן, זיך קליין מאַכן פֿאַר עמעצן

ממלא (מעמאַלע) **זײַן** — פֿול מאַכן מיט (אַנדער) גוטס

מעשר (מאַ׳אַסער) — אַ צענטל (פֿונעם פֿאַרדינסט)

מר לי, אמי (מאַר לי אימי) — ס׳איז מיר ביטער, מאַמע

מראה (מאַרע) — פּנים

מרא דאתרא (מאָרע דעאַסרע) — דער שטאָטישער רב

משפּחתּא (מישפּאַכטע) — משפּחה

משׂא, משׂאות (מאַסע, מאַסאָעס) לאַסט

מתבודד (מיסבוידעד) **זײַן זיך** — זיך אָפּזונדערן

משיח־צדקנו — (צידקיינו) — אונדזער אמתער משיח

מתייחד (מיסיאַכעד) **זײַן זיך** — זיך פֿאַראייניקטן (מיט גאָט)

ניסי בעלזער — באַוווּסטער אַמאָליקער חזן

נסתּר (ניסטער) — באַהאַלטענער צדיק

נדדה שנת־המלך (**נאָדעדאָ שנאָס**) — איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן דעם קיניגס שלאָף

ניצוץ (ניצעץ) — אַ פֿונק

ניצרך (ניצרעך) — אַ נויט־באַדערפֿטיקער

סיראָטע — באַוווּסטער אַמאָליקער חזן

סירקע — שוועבל

עד חצי המלכות — ביז אַ העלפֿט קיניגרײַך

עובר (אובער) — עמבריאָ

עולה (אוילע) — קרבן

עיגול (איגל) — קרײַז

עינויים קשים (קאָשים) — שווערע פּײַניקונגען

ערל (אָרל) — נישט־געמלעטער; **גוי**

פֿאַטראָנע — קויל פֿון אַ ביקס

פֿאַפּשוי — קוקורוזע

פֿאַצאַפּען — כאַפּן

פעטעטרע (פֿראַנצייזיש) — קען זײַן

פֿאַרעיגולען (**פֿאַראיגלען**) — דאָ: אַרומנעמען, אַרײַננעמען אין אַן עיגול

פֿאַרציקערן: פֿאַרקויפֿן מיט אַ גוטן ריווח

״פֿעלד״ — בית־עולם

גלאָסאַר

פֿראַנץ יאָזעף — קייזער פֿון עסטרייַך־אונגערן פֿון 1848 ביז 1916.

"צאינה־וראינה" — טייטש־חומש
צוו (צאַוו) — געטלעכער באַפֿעל
צייַג — לייַוונט
צינור (צינער) — רער [צו דער אייבערשטער וועלט]
צרת־נפֿש — טיפֿע צרה, באַקלעמעניש.

קאַטשאַנעס — נאַרישע קשיות
קודשא בריך הוא — גאָט ברוך הוא
קיר"ה — קיסר ירום הודו — [גאָט זאָל] דערהייכן זייַן פּראַכט
"קרבן־מנחה" — סידור מיט עבֿרי־טייַטש, פֿאַר ווייַבער

רוחות־רעות — **ווּיסטע אָנשיקע־נישן**
רחום־וחנון (ראַכום וועכאַנון) — דער דערבאַרעמדיקער [גאָט]
רחמנא ליבא בעי (ראַכמאָנאָ ליבאָ באָאי) — גאָט וויל דאָס האַרץ
רעיון (ראַיוען) — מחשבה.

שאול־תחתיה (שעאָל־טאַכטיע) גיהנום
שוכן־עפר (שויכן אָפער) — [וואָס רוט אין דער ערד] — אַ געשטאָרבענער
שיינברון — דער קיסרישער פּאַלאַץ אין ווין
שליטה — ממשלה
שקיעה — זונפֿאַרגאַנג
שר־החלומות (סאַר) — דער מלאך איבער די חלומות

תוהו־ובוהו (טויהו־וואָווויהו) — וויסקייט און ליידיקייט

תוכחה (טויכעכע) — צוויי קאַפּיטלען אין דער תורה, ווו סע ווערן דערמאָנט די שלעק וואָס וועלן קומען, אַז מע וועט נישט גיין אויפֿן גלייַכן וועג

תוכן

א. בײַ דער חלום־מולטער

טײַכל טרערן 9
אויפֿן דנאָ פֿונעם שלאָף 10
זיבן ברונעמער 11
אַלץ נאָך 12
ווינטלקליידער 13
קומט, גוטע־ברידער 14
שטערנשטרויען 16
אַ שוועלבל, אַ בלויס 18
אַ טײַכל 19
דעם שאָטן 20
איך בין זיך יעקאָש באַגאַנגען 21
אויף אַ סטעטשקע 22
די טאָפּאָלן 23
די שטערן צינדן זיך 24
ווי זאָל איך האָבן געוווסט 25

ב. פּאַרטראַכטע שיפֿן

דורכן חלום 29
פּאַרמאַטערטע פֿליגל 30
זי שטייט לעבן מיר 31
טאַטע־מאַמע־היים 33
אַ זעקעלע ערד 35
דאָס מעשהלע דײַנס 36
דו טראַכסט 37
אין אַ רגעלע דרימל 38
געדאַרפֿט 39
צון אַ פֿייגעלע 40
אָפּצודעכען 44
אַ גוטע האַנט 45
בוקעווינער לאַנדשאַפֿט 46
אפשר איז באַשערט 47
צוויי וואַריאַציעס 49
פֿייגעלעך 50
באַלאַדע 51
צווישן ווערעם און שטערן 53
צו וואָס? 53
פּערלטרערן 54
פֿאַר וואָס? 55
דער בעשט אונטערוועגנס 56
די נשמה טוט מיר וויי 61
צוויי תּפֿילות 62
צון אַ פֿייגעלע אָן פֿליגל 63
אַ דאַנק 64
דער מענטש — דער נאַר 65
מיטן מילבן־מוחל 66
דער חלום־פֿויגל 67
נאַ דיר, ליובע 68
אַז זי פֿלעג אריבער אונדזער שוועל 67
דער קוטשעראַווער בוים 70
עק פֿעלד 71
שטייט אין טאָל אַן אַלטע מיל 72
אַ פֿאַרטראַכטע שיף 74
שפּעט־זומער־לאַנדשאַפֿט 75
מיט די ווינטלעך 76
זומער 1982 אין דאָרף 76
ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפֿן 82
אם ירצה השם 83
מסתּמא 85
אַ צווײַג 86
די שטילקייט 87
בוק דיך נישט 88
צוויי פּייעס 91
אַ קאַטאָוועסל 92
אָפּגענאַרט 93

ג. פֿינצטערער פֿון פֿינצטער

אַ פֿינצטער לעבן אויף איר 97
תּוהו־בוהו־חושך 98
דורך די שפּאַלטן 99
וואָס אַרט עס דיך? 100
סע דרייט זיך נאָר די ערד 101
ווער ווייסט 102
קען געזיין 103
מיט מײַנע געציטערטע ביכער 104
באַלאַדע פֿון צוויי שוועסטער 105
איך קען אַ ייד, אַ שטילן 119

ד. פֿרוי קאַרניאָל, די שכנה מײַנע

א) דער רמב״ם 129
ב) משה מאָנטעפֿיאָרע 131
ג) ראָטשילד 137
ד) פֿראַנץ יאָזעף, אינקאָגניטאָ 142